חורבן טאמאשאוו

יינמאליקע אויסגאבע געווידמעט דעם 5טן יארטאג פון אומקום
פון די טאמאשאווער יידן (כ"חשון, כ"ב חשון תש"ג)





צו די טאמאשאווער לאנדסלייט!

דאס צווייטע מאל זאמלען זיך צוזאמען אלע לעבן געבליבענע יידן פון טאמאשאוו־מאז., וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאנד.

דאס צווייטע מאל קומען זיך צונויף די צירקא 300 יידישע מארטירער פון די 15.000 יידן, וועלכע האבן געלעבט אין אונדזער שטאט.

עס זיינען ניטא אין דער ליטעראטור קיין ווערטער אויסצודריקן אונדזערע ליידן און פיין, אונדזער צארן און טרויער, צוליב דער שרעקלעכער קאטאסטראפע, וועלכע מיר האבן אדורכגעמאכט און צו וועלכע עס איז נאך קיין ענדע געקומען.

די טראגעדיע איז נאך גרעסער דערמיט, וואס מיר די קרבנות זיינען נאך אלץ געצוואונגען צו לעבן צוזאמען מיט אונדזערע הענקערס, מיט אונדזערע שרעקלעכע מערדער, וועלכע האבן געבראכט די פארניכטונג פון אונדזער פאלק אין אייראפע און דורך דעם אויך פון אונדזערע פאמיליעס.

מיר לעבן נאך דערווייל ווייטער אויף זייער באדן, אויף דעם באדן, וועלכער איז אדורכגעזאפט מיט ימים יידיש בלוט און יידישע טרערן, אויף דעם באדן פארשאטן מיט אש פון די פארברענטע און פארגיפטעטע פון א דריטל פון אונדזער פאלק.

מיר לעבן נאך אלץ אין די לאגערן, וועלכע זיינען דער סימבאל פון אונדזער פארניכטונג און דער סימבאל פון שאנדע פון דער „ציוויליזירטער" וועלט אין 20־טן יארהונדערט.

אויף קיין איין מינוט טארן מיר ניט פארגעסן אונדזער אומגליק. מיר טארן ניט פארגעסן די אלע נאענטסטע, וועלכע זיינען אונדז ערשט נישט לאנג אוועקגעריסן געווארן אויף דעם גרויזאמסטן אופן.

מיר טארן ניט פארגעסן, אז מיר זיינען לעבן געבליבן צו ערפילן א געשיכטלעכע מיסיע, וועלכע דריקט זיך אויס ניט אין בויען ווייטער דעם גלות, נאר בויען פאר זיך א היים, א צוקונפט פאר אונדזערע קינדער, כדי עס זאל זיך ניט איבערחזר'ן מער אזעלכע קאטאסטראפעס פארן יידישן פאלק, אזעלכע אומגליקן, וועלכע מיר האבן איבערגעלעבט אויף אונדזער אייגענער הויט.

די נשמות פון אונדזערע אומגעקומענע טרייבן אונדז פון דאנען. די טויזנטער קברים פון אונדזערע פאמיליעס, פון אונדזער פאלק ווארענען אונדז: גייט ניט מער צווישן פרעמדע פעלקער בויען דעם גלות! זיי וועלן אייך ווידער פארניכטן!

געדענקט, אז נאך אזא קאטאסטראפע ברענגט א פולשטענדיקע פארניכטונג פון אונדזער פאלק!

גייט בויען א אייגן לאנד, א אייגענע צוקונפט פארן יידישן פאלק! העלפט בויען א אייביקן דענקמאל אין ארץ־ישראל פאר די 15.000 קדושים פון אונדזער שטאט!

העלפט בויען דעם דענקמאל, וועלכער דארף זיין גלייכצייטיק א צוקונפט פאר אונדז אליין אין אונדזער אייגן לאנד, אין ארץ־ישראל!

טאמאשאווער פארבאנד
אין דייטשלאנד.

לאנדסבערג, חשון תש"ה.

THE KLAU LIBRARY

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2026

משה ווייסבערג

טאמאשאוו־מאזאוויעצקי

צווישן גרויסע וועלדער־שטחים, ביים ברעג פון טייך פיליצא, איז געשאפן געווארן דורך דעם הראביא טאָמאַש אָסטראָווסקי די שטאט טאמאָשאוו־מאזאוויעצקי, וועלכע האט זיך אין משך פון איבער הונדערט יאר אנטוויקלט אין איינע פון די גרעסטע טעקסטיל־צענטערס אין פוילן. וועמענס וואל־שטאפן האבן געפינען זייער רום ניט נאר אין פוילן, אבער אויך ווייט פון די פוילישע גרענעצן.

די פראכטפולע נאטור ארום טאמאשאוו, די וואסערן, די טרוקענע נאדל־וועלדער האבן צוגעצויגען פיל טוריסטן, זומער־איינוווינער און שטענדיקע איינוווינער, וועלכע האבן פון יאר צו יאר פערברייטערט און פארשענערט די שטאט.

די צאלרייכע גערטנער און וועלדער פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט — די גרויסע צאל פאבריקן מיט זייערע הויכע קוימענס, וועלכע האבן זיך געצויגן אין דער לענג פון דעם טייך „וואלבורקא" און אין אנדערע טיילן פון דער שטאט, האבן געבילדעט מיט זיך ווי אַ הארמאניע צווישן דער נאטור און מענטשלעכער שאפונג.

פאראלעל מיט דער אנטוויקלונג פון דער שטאט איז אויך פארגעקומען די אנטוויקלונג פון יידישן ישוב.

די קליינע צאל יידישע קאלאניסטן, וועלכע זיינען געבראכט געווארן פון דעם דערמאנטן הראביא אסטראווסקי, האט זיך פארגרעסערט. די איניציאטיוו, די אקטיוויטעט און איבערגעגעבענע ארבעט פון די יידן האבן גורם געווען צו דער אנטוויקלונג פון דער שטאט און צום פארוואנדלען טאמאשאוו אין אַ בליענדן צענטער פון טעקסטיל־אינדונסטריע.

עס איז גענוג צו דערמאנען אַזעלכע פירמעס ווי: לאנדסבערג, בארנשטיין, שטיינמאן־אראנזאן, סאלאמאנאוויטש און צענדליקער אנדערע, כדי צו האבן אַ בילד וועגן דעם טאמאשאווער טעקסטיל־פארנעם.

אַ גרויסע ראל אין דער אנטוויקלונג פון טאמאשאוו אלס אַ אינדוסטריע צענטער האט געשפילט אין די לעצטע יארן די קונסט־זייד פאבריק „ווילאנאוו", וועלכע האט באשעפטיקט ביז 8000 מענטשן.

אויסער דעם זיינען געווען צענדליקער יידישע קלענערע אונטערנעמונגען פון דער טעקסטיל־בראנזשע און פון אנדערע אינדוסטריעלע און האנדלס־צווייגן.

כמעט דער גאנצער האנדל און האנטווערקעריי זיינען אויך געווען אין יידישע הענט. דאס אלעס האט גורם געווען צו דעם, אז גאנצע שטחים וועלדער זיינען פארוואנדלט געווארן אין גאסן און פון יאר צו יאר האט זיך די שטאט פארגרעסערט.

די יידן האבן געבויט הייזער, גאנצע גאסן. דער גאנצער צענטער פון שטאט איז באוווינט געווען אויסדריקלעך פון יידן. פון די קליינע צאל יידישע קאלאניסטן פון די אמאליקע צייטן איז אנטשטאנען א יידישע באפעלקערונג, וועלכע האט אין יאר 1939 געציילט העכער 13.000 נפשות.

מיר דערמאנען זיך היינט א שבת־דיקן־טאג, ווען אלע געשעפטן זיינען געווען פארמאכט און עס האט געמאכט אן איינדרוק, אז די גאנצע שטאט פייערט דעם שבת־רו.

מיר דערמאנען זיך דעם שפאציר פון די פיליצא און „בריסטאווקע", „באטשאַן" ביז די יוזעפאווער און פיעטרקאווער וועלדער.

מיר ־דערמאנען זיך שבת פארנאכט, דעם שפאציר אויף אנטאניעגא־גאס, אויף דעם קאשטושקי־פלאץ, אויף די פיעטרקאווער־גאס, די אלעען, דעם פארק — אלץ איז געווען פארפולט מיט יידן, פול מיט אויסגעפוצטע, לאכנדיקע יידישע יוגנט, יידישע קינדער, פרויען און מענער. עס האבן זיך כמעט ניט אנגעזען צווישן זיי די קריסטן.

מיר דערמאנען זיך, די איבערגעפולטע שוהל, בתי המדרשים מיט די דאוונענדיקע יידן.

מיר דערמאנען זיך די כמעט הונדערט־פראצענטיקע יידישע גאסן: די יעראזאלימסקע, בוזשניטשנא, האנדלאווא, ווסכאדניא, פאלנא, פיעקארסקא און די אלע אנדערע ארומיקע געסלעך.

מיר דערמאנען זיך דעם קאשטשושקי־פלאץ מיט זיינע יידישע געשעפטן און סטראגאנעס אויף דעם מארק; די אנטאניעגא־גאס, חי פיעטרקאווער, די ווארשעווער מיט די ארומיקע געסלעך און כמעט די גאנצע שטאט, וועלכע איז דורכגעזאפט געווען מיט יידישקייט. נאר אויף די פעריפעריעס, אויף די ראנדן פון דער שטאט האבן זיך אנגעהויבן די פוילישע און דייטשישע קווארטאלן.

מיר דערמאנען זיך די יוגנט אין די ארגאניזאציעס מיט אירע אידעאישע שטרעבונגען, וועלכע האבן שוין דאמאלס אנגעוויזן א נייעם וועג צום לעבן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז די אוואנגארדישע יוגנט פון די פארמלחמה'דיקע חלוצישע ארגאניזאציעס האבן געהאט דעם בעסטן פארגעפיל, וועגן דעם אומגליק, וועלכער רוקט זיך אן.

מיר דערמאנען זיך דעם יידישן ספארט; דעם „זש.ט.ג.ס.", וועלכע האט געהאט זיין נאמען צווישן די בעסטע טורן־פארבאנדן אין פוילן.

מיר דערמאנען זיך די יידיש שול־יוגנט, די יידישע אינטעליגענץ, דעם יידישן ארבעטער־קלאס, די פאליטישע פארטייען, די פראפעסיאנעלע פאריינען, דעם גאנצן באוווסטזיניקן פראלעטאריאט און נאך פיל, וועלכעס איך בין ניט אומשטאנד צו באשרייבן אין דעם קורצן ארטיקל.

אלץ האט אין טאמאשאוו עקזיסטירט; אלץ איז געווען טעטיק, אקטיוו; אלץ האט געברויזט מיט לעבן, אלץ איז געווען אדורכגענומען מיט אידעאליזם; אלץ האט געשאפן.

געשאפן? וואס און פאר וועמען געשאפן? א גרונט פאר דעם אייגענעם אומקום!

פארפאלן! פאר יעדער שאפונג. פאר יעדן אידעאל מוז מען טייער באצאלן.

האט שוין ווער אין דער וועלט־געשיכטע אזוי טייער באצאלט ווי דאס יידישע פאלק? פארוואס? פאר זיין לאיאליטעט. פאר זיין אידעאלע איבערגעגעבנקייט לגבי די מלוכות, אין וועלכע זיי האבן געוווינט. פאר בויען הייזער און גאסן, שטעט און שטעטלעך, פאר בויען גאנצע פרעמדע מלוכות, אלע האנדלס און אינדוסטרי־צווייגן; פאר געבן דעם גרעסטן ביישטייער אין דער אנטוויקלונג פון דער אייראפעאישער און וועלטלעכער קולטור און לערעס, — פאר דעם אלעם האבן די יידן אין די אייראפעאישע לענדער געפאדערט א קליינעם פרייז: פרייהייט און בירגערלעכע רעכט, אבער באקומען האבן זיי א צווייטן פרייז: טויט און פארניכטונג.

עס איז ניט אויסגעמיטן געווארן פון דעם אלגעמיינעם אומגליק אויך אונדזער שטאט. מיר האבן דאס אליין מיטגעמאכט און געזען, ווי מען האט אונדזערע פאמיליעס ארויסגעטריבן פון זייערע אייגענע היימען, פון די הייזער, וועלכע זיי האבן געבויט. מיר האבן

יידיש טאמאשאוו —

אלימלך גאַרפינקעל

די שטאט טאמאשאוו־מאזאוויעצקי, האט געציילט העכער 45 טויזנט איינוווינער, דערפון: 26 טויזנט פאלאקן, 13 טויזנט יידן, 6 טויזנט דייטשן און הונדערט און עטלעכע צענדליקער רוסן (פראוואסלאוונער גלויבן). איבערהויפט איז טאמאשאוו געווען אַן ארבעטער און אינדוסטרי־שטאט. טאמאשאוו האט אויסגעארבעט טוך און קארט סחורות, מיט וועלכע זי האט פארוואָרפן דעם מאנופאקטור־מארק אין פוילן. (פארן ערשטן וועלט־קריג געליפערט סחורות קיין רוסלאנד, די אלעמען באקאנטע פירמעס; ה. לאנדסבערג און ז. בארנשטיין). די גרעסטע פאבריק איז געווען די טאמאשאווער קונסט־זייד־פאבריק, וועלכע האט באשעפטיקט 8 טויזנט ארבעטער. די באפעלקערונג האט געצויגן איר פרנסה פון האנדל, מלאכה, קליין־האנדל, ווי אויך פון ארבעט אין די פאבריקן.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האט די שטאט טאמאשאוו באלד דערפילט די גרויזאמע פאלגן פון קריג, ווייל פרייטיק דעם 1־טן סעפטעמבער אַ זייגער 6 פרי, איידער מען האט נאך געוווּסט, אז ס'איז פוילן ערקלערט געווארן קריג, איז די שטאט טאמאשאוו געווארן באמבארדירט און ס'זיינען געפאלען די ערשטע קרבנות.

צומארגנס שבת, האט זיך אנגעהויבן די איבעראל בעקאנטע שטאט פארלאזונג, ציענדיק אין די הויפטשטאט ווארשא. דאס לויפן האט געקאסט הונדערטער קרבנות, (די באקאנטע שחיטה אין ראווע, ביים אנקומען פון די דייטשע מערדערס).

מיטוואך דעם 6 סעפטעמבער 1939, האבן די דייטשן פארנומען טאמאשאוו. פון דעם טאג אן האט זיך פאר די טאמאשאווער יידן אנגעהויבן די שבעה מדורי גיהנום, צו וועלכן ס'האבן בייגעטראגן מיט פולע עמערס, די ארטיקע בירגער, די פאלקס־דייטשן. דאס יידישע לעבן, די ארבעט, דער האנדל, דאס געזעלשאפטלעכע לעבן איז פאראליזירט געווארן.

דאס ערשטע געשעעניש, וואס האט אויפגעטרייסלט די יידישע באפעלקערונג, האט זיך אפגעשפילט ערב ראש השנה 1939. אין דעם דאזיקן טאג האבן די דייטשן געמאכט אן „אָבלאווע" אין יידישן קווארטאל און ארויסגעשלעפט א גרעסערע צאל מענער. מען האט זיי אריינגעזעצט אין אויטאס און אוועקגעפירט אין אן אונבאקאנטע ריכטונג. א טיפער טרויער פילט אן די הערצער פון די איבערגעבליבענע מענטשן. עס ווערט פארשטערט דער ראש השנה יום־טוב.

וועגן גורל פון די מענער, וועלכע מען האט געכאפט ערב ראש השנה, האט זיך די יידישע באפעלקערונג דערוווּסט ערשט דאן, ווען עס האבן אנגעהויבן אנצוקומען די ערשטע טויט־שיינען פון בוכענוואלד.

באלד האבן זיך אנגעהויבן שיטן גזירות. ס,ווערן קאנפיסקירט אלע יידישע פאבריקן און גרעסערע אונטערנעמונגען. אין די קלענערע יידישע געשעפטן מוז מען ארויסהענגען אין די שויפענצטער אן אויפשריפט „יידישעס געשעפט", כדי די קריסטלעכע באפעלקערונג זאל וויסן, אז ס'איז א יידיש געשעפט. עס איז פארבאטן געווארן די יידן זיך צו באווייזן אין עפנטלעכע לאקאלן. אין אנבליק פון דער לאגע איז ארגאניזירט געווארן דער יידן־ראט. אלס פארזיצער פון יידן־ראט ווערט באשטימט ב. שעפס, אלס פארטרעטער ל. ווארזאגער.

אין אקטאבער 1939, איז דורך די ארטיקע פאלקס־דייטשן און היטלער־יוגנט, אונטערגעצונדן געווארן די שטאטישע שוהל און די בתי־מדרשים.

אין חודש נאוועמבער 1939. זיינען קיין טאמאשאוו געקומען די ערשטע טראנספארטן פון לאדזשער יידן. דאס זיינען געווען יידן, וועלכע מען האט פון פארשיידענע קווארטאלן פון לאדזש ארויסגעכאפט אין מיטן דער נאכט, אויסצוזידלען פון „רייך" אין „גענעראל־גאָווערנאַמענט" (צו יענער צייט איז לאדזש צוגערעכנט געווארן צום 3־טן רייך). די ניי אנגעקומענע יידן מאכן אויף אלע א טרויעריקן איינדרוק. די קליינע קינדער זיינען האלב געפרוירן. די נייע ברידער דערציילן, אז אין לאדזש קומט פאר אן אויסזידלונגס־אקציע. מען שיקט יידן קיין ריישא, פויזן און אנדערשוו.

אין 22 דעצעמבער 1939. באווייזט זיך א פארארדנונג, אז ס'ווערט איינגעפירט דער „יידן־צייכן" אין פארם פון א ווייסן באנד, מיט א בלויען מגן־דוד. דאס געזעץ גילט אויך פאר קינדער פון 6 יאר אָן. פארן גרינגשעצן די דאזיקע פארארדנונג דראט א הארבע שטראף. די גזירה רופט ארויס א שטיקל פאניק, ווייל א טייל יידן, מיט קיין נישט ספעציעל יידישן אויסזען, האבן זיך נאך געקאנט אביסל פרייער באוועגן. נאך מער האט די גזירה געטראפן די יידישע פרויען. דאס ארויסגעבן פארשיידענע גזירות, רדיפות ווירקט באזונדערס אויף די יידישע יוגנט, וועלכע אנטלויפט מאסן־ווייז קיין רוסלאנד. (ליידער, האט זיך שפעטער א גרויסער טייל פון זיי צוריקגעקערט). נאכן איינפירן דעם „יידן־צייכן". ווערט געשאפן די יידישע אָרדנונגס־דינסט (פאליציי).

מיטן אנהויב פון יאר 1940, ווערן איינגעפירט נייע גזירות: דער פארבאט צו ווינעי אין די הויפט גאסן, באגעזען, ווי מען האט ביי אונדזערע טאמאשאווער יידן, פונקט ווי ביי אלע אנדערע, צוגערויבט די געשעפטן, די פאבריקן, די פארמעגנס, דאס לעבן, די נשמות.

עס איז ווייניק געווען פאר אונדזערע מערדער דאס רויבן און אלץ צו פארניכטן; עס איז ווייניק געווען פאר זיי געבן אונדז דעם טויט. פאר דעם פיזישן טויט האבן זיי זיך באמיט אונדז טויטן גייסטיק, מאראליש און פסיכיש. זיי האבן אונדז אויסגעמאטערט פיזיש, פארמיאוסט אונדז דאס לעבן, געצוווּנגען צום הונגער־טויט, צו זעלבסטמארד און דאס אלעס האט געדארפט זיין די „באלוינונג" פאר בויען שטעט און לענדער.

דאס האט געדארפט זיין די באלוינונג פאר די טאמאשאווער יידן פארן בויען טאמאשאוו און איר אינדוסטריע.

מיר האבן אבער פון דעם גרויזאמען חורבן אויך עפעס גוטעס געלערנט. די ביטערע ערפארונגען האבן פאר די רעשטלעך פון אייראפעאישן יידנטום אנגעצייכנט אן אנדערן וועג. זיי האבן אונדז געלערנט גיין אין נייע וועגן; ניט בויען מער קיין פרעמדע שטעט, ניט בויען קיין הייזער. קיין אינדוסטריעס אויף פרעמדע פארשאלטענע ערד, אדורכגעזאפטע מיט בלוט פון אונדזער פאלק. זיי האבן אונדז געלערנט גיין אין אייגן לאנד, בויען א היים פאר זיך! פארן פאלק!

משה וויסבערג.

—o—

ביסט שוין מער ניטא...

געטאָ — זכרונות

שרענקטער גאסן פארקער דורך די אנגעוויזענע שעהן, צוואנגס־ארבעט ביי פארשיידענע עפענטלעכע שווערע ארב.

די הויפט ארבעט באשטייט פון רעגולירן דעם טייך „וואלבורקא”, וועלכער פליסט אדורך אין דער שטאט טאמאשאוו און טיילט אדורך די שטאט אויף צוויי טיילן: דער שטאט־טייל און איבער די בריק טייל.

אין די קאלטע טעג, מוז מען שטיין בארוועס אין וואסער, די אויפזייער, ארטיקע דייטשן, באגייען זיך שלעכט מיט די יידישע ארבעטער. זיי ווערן טערדערלעך געשלאגן מיט שטעקנס און גומי־פאלקעס. נישט איינער פון די ארבעטער, גיט אוועק זיין יונג לעבן ביי אט דער ארבעט. די דאזיגע ארבעט האַלט אָן עטלעכע מאָנאַטן

נישט באוויזנדיק זיך אפצורוען, רוקט זיך שוין אָן אַ פרישע צרה. דער ארבעטס־אמט רופט אלע מענער פון 14 ביז 40 יאר זיך צו רעגיסטרירן. (דער טאג פון דער רעגיסטראציע איז גראד אויסגעפאלן אין תשע־באב). ס'הייסט אז מען וויל בלויז רעגיסטרירן. אבער אין אמת'ן ווערט מען גלייך פארהאלטן. עס הויבט זיך אן דאס אוועקשיקן אין פארשיידענע ארבעטס־לאגערן.

דער אופן פון שיקן אין די לאגערן, שטעלט מיט זיך פאר א שרעקלעך בילד: ס.ס.־לייט, „געסטאפּאָ”, „שופּאָ” ארטיקע פאלקס־דייטשן און „היטלער־יוגנט” מיט מאשין געווער, באגלייט דורך פאנצער־אויטאס. פרויען ספאזמירן. נישט וויסנדיק ווּהין מען שיקט זייערע קינדער און מענער. אלץ קומט נאך לובלין. פון דארט ווערן זיי צעשיקט אין פארשיידענע ארבעטס־לאגערן: טישאָווצע. ציעשאנאָוו און בעלז. די ארבעט אין די דערמאנטע לאגערן, האבן פארשלונגען פיל קרבנות פון פוילישן יידנטום, אין דעם אויך פיל טאמאשאווער.

דער אמת'ער גהינום פאר די טאמאשאווער יידן ברענגט מיט זיך דאס יאר 1941, ווען קיין טאמאשאוו קומט דער שונא־ישראל פרעס י"ש. אט דער אויסוואורף האט אנגעהויבן פירן זיין יידן־העצעריי באגלייט טאג טעגלעך מיט נייע גזירות.

די ערשטע גזירה, וועלכע איז געווען דער גרעסטער קלאפ פאר די ארימסטע שיכטן, דאס פארקלענערן פון לעבנס־מיטל ראציעס. לויט א פארארדנונג ווערט צוגעטיילט 1 קל. מיט 20 דק. ברויט אויף א גאנצן חודש פּראָ קאפּ. מען הויבט אן איינפירן דעם יידישן־קווארטאל (אפענער געטא). די שטאט־טייל און איבער די בריק טייל. ס'ווערן איינגעפירט „אויסווייזן” (ערלויבנישן). צו פארלאזן דעם יידן־קווארטאל מוז מען האבן א עקסטרא שיין פארזען מיטן אונטערשריפט פון שונא־ישראל פרעס.

דאס דערנענטערן זיך פון די ימים־נוראים, ווארפט אן א פחד אויף די יידן, ווייל מען ווייסט שוין, דאס די רוצחים גרייטן די אקציעס דווקא אין די יום־טוב־טעג. קיין עפנטלעכע בתי־מדרשים זיינען נישט פאראן. עס ווערן איינגארדנט אין פארשיידענע ערטער מנינים צום דאווענען. אין עטלעכע ערטער באפאלן די דייטשן די מתפללים, פירנדיק זיי אין די טליתים איבערן שטאט, צווינגענדיק אויסצופירן פארשיידענע עקעלהאפטע ארבעטן.

דורך די פאראָרדנונג פון מנול פרעס, קומט פאר אין טאג פון שמחת־תורה, א „לאַפּאַנקע” אין דעם אזוי גערופענעם „זאַוואַדע־לאַגער”. עס ווערן געכאפט עטלעכע הונדערט מאן, ס'רוב יינגערע. אין דארף זאַוואדע, 4 קלמ. פון טאמאשאוו, ווערן זיי איינלאקירט אין א ניט אויסגעפערטיקטן שול־בנין, באוואכט דורך ס.א.־לייט און פוילישע פאליציי. די ארבעט איז א נוצלאזע. מען איז בלויז אויסן צו פייניקן. די פאראַרבייטער שלאגן מערדעלעך. די פארפלעגונג איז א שלעכטע, דער וווין־בנין-א חורבה: קיין שויבן, קיין ארט צום שלאפן, קיין וואסער, ממש נישט צום אויסהאלטן.

צוליב די דערמאנטע באדינגונגען הויבט אן הערשן דער טיפוס. די צאל קראנקע פארגרעסערט זיך פון טאג צו טאג. מורא האבנדיק, אז די עפידעמיע קען אנשטעקן די דייטשע פאראבייטער, ווי אויך די ארומיקע דארפס־איינוווינער, זיינען זיי געצווונגען דעם לאגער אויפצולייזן. דער „זאַוואַדער־לאגער” האט אנגעהאלטן איייניקע חדשים און געקאסט צענדליקער לעבנס.

מיטן צונויפמישן די געוועזענע לאגער־ארבעטער מיט די איינוווינער פון יידן־קווארטאל, הויבט זיך אן פארשפרייטן די טיפוס עפידעמיע.

דעם 25. 11. 1941 קומט פאר די אויסזידלונג פון דעם יידן־קווארטאל פון „איבער די בריק”. די צוויי הויפט גאסן, ווארשעווער־שאסע און שעראקע גאס, ווערן גענצליך אויסגעזידלט פון טאמאשאוו קיין קאָלושקי. די איבעריקע קלענערע געסלעך ווי: וולאדיסלאווא, גוסטאוונא, פראיעקטאווא, מילא א. א. ווערן איבערגעזידלט אין דעם שטאטישן יידן־קווארטאל. די דערמאנטע אקציע איז אדורכגעפירט געווארן מיט גרויס אחזריות'דיקייט. אין משך פון עטלעכע שעה זיינען די יידישע איינוווינער פון איבער דער בריק פארוואנדלט געווארן אין היימלאזע בעטלער.

די יידן וואס זיינען ניצול געווארן פון גירוש קאלושקי, האבן געמוזט געבן זייער ביישטייער. באלד נאך דער אויסזידלונגס־אקציע, זיינען באפאלן געווארן די יידישע גאסן און פון די שטובן זיינען ארויסגערויבט געווארן מלבושים, וועש און אנדערע חפצים, וועלכע זיינען שפעטער פארטיילט געווארן צווישן די פאלקס־דייטשן אלס „ווייַנאַכטסגעשענק”

ביי ענדע פון יאר 1941 איז ווידער ערגער געווארן. דער הונגער הויבט אן בושעווען, עס ווערט פארקלענערט דער יידן־קווארטאל (אין צוזאמענהאנג מיטן אנהויבן איינפירן דעם געטא). אין איין שטוב וווינען צו 12—8 מענטשן.

אנפאנג 1942 ווערט איינגעפירט אין טאמאשאוו דער געטאָ. דער געטא איז אפגעשניטן געווארן פון דער גאַנצער ארומיקער סביבה, ארומגעצוימט מיט פאַרקאנען פון שטאכל־דראט. די השגחה האט איבערגענומען די „שופּאָ” (שוצפאליציי), פאר פארלאזן דעם געטא אן א ספּעציעלע ערלויבניש, דראט טויט־שטראף.

מיטן שאפן פון געטא, זיינען די טאמאשאווער יידן אפגעריסן געווארן פון דער אויסערלעכער וועלט.

די 15 טויזנט געטא איינוווינער זיינען אזוי ארום פארמשפט געווארן אויף א לאנגזאמען הונגער—טויט. אלס פאלגן פון הונגער און קעלט, האט זיך דער טיפוס פארוואנדלט אין אן עפידעמיע, וועלכע ברענגט מיט זיך הונדערטער קרבנות. דאס איינציקע יידישע קראנקן־הויז אויף וויעטשנאטש (בנין פון דער העבר. גימנאזיע), קאן נישט אויפנעמען אלע קראנקע און אין די קאלטע ווינטער טעג, מוזן די קראנקע ליגן אין די קארידארן פון קראנקן־הויז. די יידן באקומען נישט קיין שום מעדיקאמענטן פון דער דייטשער מאכט. אלץ ווערט דורך די יידן זעלבסט אריינגעשמוגלט פון דער ארישער זייט פאר גאר הויכע פרייזן אין מערסטן

טייל פאר ווערטפולע חפצים.

דער געטא שטעלט מיט זיך פאר אַ גרויליך בילד. מענטשן אפגעריסענע, אן שיך, קראנקע, געשוואלענע פון הונגער. דאס בעטלעריי נעמט אן אַ מאסן כאראקטער. מען פרובירט לינדערן אביסל די נויט מיט איינארדנען אַ פאלקס־קיך, יעדן טאג ווערט אויסגעטיילט 300 זופּן (כמעט וואסער). טאג טעגליך קומען פאר אין יידן־ראט בנין (ציכא־גאס) שרעקלעכע רײַנעס פון ארימעלייט.

נישט האבנדיק קיין שום מעגלעכקייט צום לעבן, האבן די רעזיגנירטע יידן אנגעהויבן ארויסצוגיין פון געטא כדי צו זוכן עפּעס צום עסן. אבער באלד האט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האגל פון קוילן, און פון דאן אן איז נישט איבערגעגאנגען קיין איין טאג אָן קרבנות.

די מוטערס זיינען געצווונגען ארויסצושיקן זייערע קינדער אויסערן געטא, כדי צו ברענגען אַ פאר קארטאפל, אדער א שטיקל ברויט נישט קוקנדיק דערויף וואס פארן פארלאזן דעם געטא דראט טויט־שטראף. ווען אַ קינד ווערט דערקענט דורך א דייטש ווערט עס גלייך דערשאסן.

ספּעציעל אין דער „מלאכה" פון קינדער־מארדן האט זיך אויסגעצייכנט דער „שופּא" פּאליציימאן קראפּפיש פון אונטער ווין. אים האט מען אַ נאמען געגעבן — קינדער־מערדער, ער איז געשטאנען אַ גאנצן טאג ביים איינגאנג פון געטא און געלויערט אויף יידישע קינדער, צו זיי גייען נים ארויס פון געטא. ווען ער כאפּט אזא קינד, שיסט ער עס גלייך, און ווען ס'קינד צאפּעלט נאך, נאָך דער קויל, טרעט ער עס צו מיט זיין באנאגלטן שטיוול און לאכט דערביי און זאגט: „דיין מוטער וואַרט אויף דיינע קארטאפל, נאדיר קארטאפל, פארפלוכטער יודע".

ווען מען האט געפונען ביי די ארבעטער, וועלכע האבן געארבעט אויסערן געטא, עפּעס אריינשמוגלען, האט מען זיי גלייך דערשאסן. דאס האט דערבראכט, אז דער הונגער איז געווארן נאך גרעסער. אבער דער הונגער איז געווען שטארקער ווי דער פחד פארן טויט און דער שמוגל האט נישט אויפגעהערט. אין משך פון 6 חדשים זיינען אומגעקומען דורכשניטלעך 20 מאן טעגלעך.

אין די ערשטע טעג פון יאר 1942 קומט פאר די פוטער־אקציע. יעדער ייד מוז צושטעלן, אונטערן צוואנג פון טויט־שטראף, אלע ארט פוטערווארג. אבער נישט אלע יידן האבן אויסגעפירט די פאראָרדנונג, צוליב צוויי טעמים: ערשטנס נישט שטיצן דעם שונא, צווייטנס אויסבאהאלטנדיק די טייערע פעלצן איז נאך געווען אַ פונק פון האפנונג אפשר אמאל?...

די דייטשן באקומענדיק אַ קליינעם סכום און די ערגסטע סארטן פוטערווארג, האבן באשלאסן נקמה צו נעמען אין די יידן. ס'האט זיך אנגעהויבן אַ סדרה זוכענישן, וועלכע האבן געקאסט פיל קרבנות און אין בעסטן פאל האט עס זיך געענדיקט מיט צעבראכענע אברים. אין דער דערמאנטער „מלאכה" האט זיך אויסגעצייכנט דער עסטרייכישער וואמפּיר האנס פיכלער (ווילאך ביי קערטן) דער דערמאנטער אויסוואורף האט אויף זיין געוויסן הונדערטער טאמאשאווער יידן.

אין חודש אפּריל 1942 זיינען געקומען עטלעכע „געסטאפּא לייט" אין יידן־ראט און פארלאנגט די שליסלען פון דער אלגעמיינער קארטיי־אפּטיילונג. נאכן באזייטיגן פון די אנגעשטעלטע האבן זיי זעלבסט געמאכט אויסצוגן.

דעם 28 אפּריל האט אַ גרופּע פון „געסטאפּא", „שופּא", און ארטיקע פאלקס־דייטשן (ס.א.־אפּטיילונג) באזוכט די שטובן און לויט א ליסטע ארויסגענומען פארשיידענע פּערזאנען און זיי דערשאסן אויפן ארט. די דאזיקע אקציע האט זיך געשטיצט אויף קאמוניסטן און אנדערע יידן, וועלכע זיינען אמאל געווען אין פארבינדונג מיט די ארטיקע דייטשן.

אין 6 מאי, אין מיטן דער נאכט זיינען אלע יידן פון טאמאשאוו וואַך, מען הערט שיסערייען פון מאשין געווער. קיינער קאן נישט שלאפן. שויבן פאלן אויפן ברוק. יעדער מיינט, אז אָט, אָט, קומט מען נאך אים. ווען מען שטייט אויף אינדערפרי און מען גייט ארויס אין גאס זעט מען א שוידערלעך בילד. אויפן ברוק ליגן דערשאסן פאלגענדע פּערזאנען:

פּרעזעס לייביש ווארזאגער, הערשל נאָוואָמיאסט, בעריש געווירץ, לעאָן גלאווינסקי, א. באלבין מ. שעפּס. אדוו. הירשפּרונג, דר. הערץ, דר. קאן, דר. יוווילער, דר. ווייסקאפּ, פּארוטשניק מ. בלייבערג, דאָמאנאוויטש, ברידער אלעק און יולעק בורגין, ברידער אבראם און מאָניעק בירענצווייג, ברידער דודטשע און מאָניעק בליבוים און פיל אנדערע.

אין דער זעלבער צייט, האט די „געסטאפּא" געזוכט דעם יידישן פּאליציי־קאמענדאנט ר. וויינריב, וועלכער איז מיט עטלעכע טעג פאר דער מאי־אקציע פארשוווּנדן (אים זאל מען האבן צוגעטראגן וועגן דער אקציע). מען האט צעשיקט שטעק־בריוו, ארעסטירט זיינע עלטערן, געמאכט פאראנטווארטלעך די גאנצע ייד. פּאליציי. אין עטלעכע טעג ארום, האט ער זיך זעלבסט געמאלדן צו דער יידישער פּאליציי אין פּיעטרקאוו, פון וואנען ער איז איבערגעגעבן געווארן, דער טאט. „געסטאַפּא".

אַ צווייטער פאל האט פּאסירט מיט דעם ייד. פּאליציסט דוד אָבערזשאַנעק, וועלכן די „געסטאפּא" האט געזוכט. ער האט פארנומען דעם אמט פון פּאליטישן־לייטער. נישט וועלנדיק אריינפאלן אין די הענט פון דער „געסטאפּא" א לעבעדיקער, כדי נישט געצווונגען צו ווערן אויסצוגעבן פארשיידענע סודות, באגייט ער א העלדן־טאָט דורך אויפהענגען זיך. אויפן טיש אין זיין וווינונג, לאזט ער איבער דאס בוך „דער געהאנגענער".

ביי די דערמאנטע אקציעס, אַפּריל—מאַי, זיינען דערמארדעט געווארן איבער 200 מענטשן.

דער טראגישער פאל רופט ארויס א צעדודערונג. מען ווייסט נישט וואס צו טאן? עס איז נישט דא קיין פירערשאפט. אלס פּאליציי־קאמענדאנט ווערט באשטימט דער דייטשער ייד מוסמאַן. ער ווערט אויפגעפארערט דורך דעם „געסטאפּא"־שעף צו שאפן א יידן־ראט. נישט לייכט קומט אים אָפּ, צו גרינדן אזא קערפּערשאפט, ווייל יעדער האט מורא צו ווערן א מיטגליד אין ראט, וויסנדיק דעם סוף פון די ערשטע. דער דרוק פון דער „געסטאפּא" האט געווירקט און עס איז געשאפן געווארן א נייער יידן־ראט.

עס הויבן אן צו קומען צו אונדז, טרויעריקע ידיעות פון ווארשע וועגן אקציעס איבער יידן, דאס מען שיקט אוועק מאסן יידן, נישט וויסנדיק וועגן זייער גורל. דער טייל מענטשן, וועלכע זיינען נישט באשעפטיקט, רייסט זיך צו באקומען ארבעטס־פלעצער. מען וויל זיך אזוי ארום „דעקן", זיי צאלן פיל געלט.

אין שטאט שאפן זיך נייע ארבעטס־פונקטן. עס ווערט געשאפן אן ארבעטער־שאָפּ, וואס נעמט ארום ביז 700 בעלי־מלאכות, פרויען און מענער פון די פאכן: שניידער, שוסטער, טישלער א.א. עס עקזיסטירט א מעבל־פאבריק פון „אָטע" וועלכע באשעפטיקט צירקא 300 מענער. עס ווערט געשאפן די פירמע „דיטש" (טוך־שוך פאבריק פאר קריגס־אינוואלידן), א כעמישע וועשעריי פירמע „בליטץ" און פיל קלענערע אונטערנעמונגען ביי ציווילע פאלקס־דייטשן.

ווי לאנג די יידן זיינען נאך דא, באשליסן די דייטשן פון זיי אויסצופּרעסן די לעצטע כוחות ביי די שווערסטע ארבעטן ווי: בויען א באן־גלייז פון סלאטווין ביז טאמאשאוו (א שטרעקע

פון 24 קלמ.), שאפן א ספארט־סטאדיאן אויפן פלאץ ביי דער גאַזאָווניע. די דערמאנטע ארבעטן קאסטן פיל קרבנות. די סלאטווינער ארבעטער ווערן טראקטירט ווי שקלאפן. יעדן טאג 5 פרי מוזן זיי זיך זאמלען ביים ארבעטס־אמט, פון דארט מארשירן זיי 3 קלמ. צום באן־הויף. דארט ווערן זיי פארלאדן אין פי־וואגאנען. די ארבעט דויערט 12 שעה. ביי דער ארבעט ווערן זיי מערדערלעך געשלאגן. כמעט יעדן טאג ווערן עטלעכע מאן דערשאסן ביי דער ארבעט פאר לויפן זוכן אַ שטיקל ברויט אדער א קארטאפל.

נישט אין קיין פיל בעסערע בעדינגונגען געפינען זיך די ארבעטער פון ספארט־סטאדיאן. די ארבעט דארט איז אקארדאווע, נישט קיין אויספירבארע פאר הונגעריקע מענטשן. דער סוף איז — צעשפאלטענע קעפ און צעבראכענע גלידער.

אין יולי 1942 האט זיך די לאגע פ'ן טאמאשאווער געטא געענדערט. די אלגעמיינע לאגע אין געטא איז לייכטער געווארן. די אפטע שיסערייען זיינען געווארן זעלטענער און די יידישע באפעלקערונג איז אויפגעהאלטן געווארן אין א צושטאנד צווישן רעזיגנאציע און האפנונג.

עס האט זיך אנגעהויבן אין געטא שאפן פארשיידענע בלאקן: דער שאפבלאק אין פארם פון צוגעמאכטן קאסטן אין די גאסן. יעראזאלימסקא, פיעקארסקא, האנדלאווא און ווסכאדניא, דער פאליציי און יידן־ראט בלאק אויף קזשיזשאיוע 22, דער בלאק פון לומפן־זאמלער קזשיזשאווע 16.

די אלע בלאקן זיינען געווארן ארומגעצוימט. ביים איינגאנג א וואכבודקע מיט א היטער. זייטיקע פערזאנען אויסער די איינוווינער האבן נישט געהאט קיין צוטריט. די געטא איינוווינער הויבן אן צו מערקן, אז עפעס הענגט איבער זיי. יעדן טאג קומען דייטשע קאמיסיעס. נייע פאראָרדנונגען, דעזינפעקציעס, „קען־קארטן”, ארבעטס־קארטן, עקסטרא שיינען פאר די בלאק־איינווינער, שאפן פון סאניטעטס־דינסט.

די ארטיקע פאלקס־דייטשן און פאלאקן הויבן זיך אן צו חבר'ן מיט די יידן, ראטנדיק אויסצובאהאלטן ביי זיי די ווערטפולע זאכן, צוזאגנדיק בייהילפיק צו זיין אין אן עת־צרה. פיל נאאיווע האבן זיי געגלויבט.

טראָץ דעם, וואס דער געטא איז געווען אפגעריסן פון דער גארער וועלט, נישט האבנדיק קיין פאסט, פרעסע, האט זיך אריינגעריסן די טרויעריקע ידיעות וועגן דער ליקווידאציע פון די געטאס אין גאנצן לאַנד. אין אמת'ן האט דאס אנגעווארפן א פחד אויף די יידישע באפעלקערונג, נאר מען האט זיך געטרייסט, אז טאמאשאוו איז אן אינדוסטרי שטאט, נישט פארלירנדיק די האפנונג ביז דער לעצטער מינוט.

קורץ פאר דער אקציע, באווייזט זיך א באקאנטמאכונג, וועלכע ווארנט די ארישע באפעלקערונג, נישט אויסצובאהאלטן קיין יידן. אין פאל ווען מען וועט ביי זיי טרעפן א ייד, ווערט דער קריסט צוזאמען מיט דעם יידן דערשאסן. מען הויבט אן מערקן, אז דער יום־הדין פאר די טאמאשאווער יידן איז שוין גאנץ נאענט.

שבת, דעם 23 אקטאבער האט באזוכט דאס יידישע קראנקן־הויז א קאמיסיע. אין משך פון עטלעכע טעג, ווערט אויף די גאסן פון געטא אינסטאלירט עלעקטרישע ליכט.

מיטוואך, דעם 28 אקטאבער 1942, קומען אן קיין טאמאשאוו א מחנה אוקראינער אין שווארצע מונדורן. שוין אין דעם זעלבן אוונט ווערט דער געטא ארומגערינגלט. די גאסן ווערן גלייך באלויכטן. עס אנטשטייט אן אומגעהויערע פאניק. מען לויפט איינער צום צווייטן. עס הערט זיך א שיסעריי, ס'פאלן טויטע. מען זיצט אין די שטובן, דאס באוועגן זיך אויף דער גאס, איז פארבונדן מיטן טויט. די נאכט איז א שלאפלאזע.

צומארגנס, איז דעם יידן־ראט געווארן באקאנט געמאכט דער באפעל וועגן דער אויסזידלונג פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג „נאַך אָסטן”. גלייכצייטיק מוז דער יידן־ראט דעקן די טראנספארט־קאסטן.

מענטשן לויפן אין די גאסן, יעדער וויל זיך געזעגנען מיט זיינע נאענטסטע. מען זוכט „מעלינעס” זיך צו פארשטעקן.

פרייטיק, דעם 30 אקטאבער, האט מען געבראכט יידן פון די ארומיקע שטעטלעך: ראַווע־מאַז. און ביאַלע־מאַז. ביים אריינפירן זיי אין געטא, ווערן פיל דערשאסן צוליב דעם, וואס זיי קענען ניט גיין. א גאנצן טאג פירט מען די טויטע קערפּעס, דערונטער די געשטארבענע פון הונגער. דער הונגער שטייגט פון טאג צו טאג. עס איז צו זען א בילד, ווי מענטשן כאפן א הונט, טויטן אים און טיילן זיך מיטן פלייש. די „אויסזידלונגס־אַקציע” איז אויסגעפירט געווארן: שבת, דעם 31 אקטאבער און מאנטיק, דעם 2 נאוועמבער 1942 (כ' און כ"ב חשון תש"ג).

די גאנצע יידישע באפעלקערונג איז ארויסגעטריבן געווארן פון די שטובן, (דורך די „געסטאפּאָ”, „שופּאָ” און ייד. פאליציי) און געפירט געווארן מאסנווייז אין געשלאסענע רייען, צום זאמל־פלאץ ביים יידישן קראנקן־הויז.

הארצרייסנד איז געווען דאס געזעגנען זיך מיט די עלטערן. מען פאלט זיך אין די ארעמס מיט געוויין און א צווייפל באהערשט דעם געדאנק; — צו וועט מען זיך נאך אמאל זען? מען פרובירט איבערצייגן די עלטערן צו האלטן זיך צוזאמען. אבער טאטע־מאמע ראטן דיר: — „גיי מיין קינד, ראטעווע זיך! דו ביסט נאך יונג, זאל כאָטש ווער פון אונדז בלייבן, א געדעכעניש צומאל”. „וואס זאל מען טאן ארויס אזא ביטערער גזר־דין, מען מוז מקבל בהאבה־זיין”. שווער צו באשרייבן די מאמענטן, וואס האבן זיך דאן אפגעשפילט. א שוידער גייט אדורך דורכן לייב, דערמאנענדיק די נאענטסטע.

אויסגעשטעלטע אין רייען צו פינף, מענער, פרויען און קינדער, מיט פעקלעך אויף די פלייצעס, אפגעשניטן פון זייערע ברידער און שוועסטער מעבר לים, ענטוישט אין דער גרויסער ציוויליזירטער וועלט, וואס האט שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו די מיליאנען אומשולדיקע מענטשן, נידערגעשלאגן, אומבאהאלפן און רעזיגנירטע, זיינען די טאמאשאווער יידן געגאנגען זייער לעצטן וועג, בכדי אומצוקומען אין די גאזקאמערן און קרעמאטאריעס פון טרעבלינקע פאר זייער איינציקן זינד, ווייל זיי זיינען יידן.

אזוי זיינען 15 טויזנט טאמאשאווער יידן, געטריבן געוואן צו דער שחיטה, געפאקט צו 120 מאן אין א וואגאן.

יזכור — די יידישע קראנקע, וואס
זיינען דערשאסן געווארן אין
יידישן קראנקן־הויז!

יזכור — דער ברידער־קבר פון די 200
קדושים, וואס זיינען געפאלן
בעת דער אויסזידלונגס־אקציע!

יזכור — די, וועלכע זיינען געפאלן, נישט
וועלנדיק פארלאזן די שטובן!

יזכור — די 15 טויזנט יידן פון טאמא־
שאווער געטאָ, אומגעקומענע
על קדוש השם והעם!

אלימלך גאַרפינקעל.

קאַלענדאַר פון די יאָרציייטן:

כ' חשון תש"ג — 1942	כ"ב חשון תש"ג — 1942
יעראזאלימסקא, פאלנא, טשיכא, בוזשנימשנא, פאלודניאווא, סלאָנעטשנא, ווייטשנאטש (לינקס) לעוואַ, סטאלארסקא	פיעקארסקא, קזשיזשאָווא, קראַמאַרסקאַ, מאַלאַ, האַנדלאַווא, פּראַוואַ, ווסכאָדניא, זגאָזשעליצקא, ווייטשנאָטש (רעכטע זייט)

טאָמאשאווער



דער „אָדע״ = מאַן מאיר ערליך, מיט אַ גרופּע יידן ביי דער אַרבֿעט.
דער ערשטער פון לינקס. מרדכי יואל גראספעלד (היטלמאַכער).



געווען אַמאָל צייטן... טרעגער פּאַקולאַ



יידישע אַרבֿעטער באַשעפטיקט ביי דער „אָטע״ (ארבעטס=ארגאניז. טאָטד)
דער צווייטער פון רעכטס: שמואל שאַמפּאַנער.



אין גאַס — אַ לעבן אָן אַ ציל...



„אָדע״=מאַן מאיר ערליך, מיט אַ גרופּע יידן ביים ענטלויזונגס=באַד (ייד׳ מקוה).

געטאָ־בילדער



דער פריזירער שמעון ווייסבערג שערט אָפּ די האָר בײַ פרויען, בעת דער „אַקציע" קיין קאַלושקי.

ער טראַכט, — כאָטש נאָך איינמאָל אין לעבן עסן צו דער זאַט...

(פון דער בילדער זאַמלונג פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע).



דער בית־עולם.



דער הונגער נאָגט און פּייניקט — פאַרשמאַכטע קינדער אויף וויעטשנאָשטש־גאַס.



מען שערט און מען גאָלט אין ענטלויזונגס־באַד (ייד. מקוה, סקאַצקאַ־גאַס).

מיכאל גראָסמאַן

די לעצטע טאמאשאווער מאהיקאנער

עס איז דאן שוין געווען נאך דער „גרויסער אויסזידלונג"*) פון 1942, נאך דער „פאלעסטינע־אקציע"**), נאך דער „פורים־אקציע"***), נאך דער „סטוק־אקציע". נאכן אוועקשיקן די טישלער קיין בליזשין. נאכן טראנספארט קיין פיאָנעק, עס איז געווען דאן מאי 1943.

אויסערן געטא איז דער מאי געווען א שיינער, ווי אלעמאל אין דער צייט, אין געטא דאגעגן, האבן זיך נאר פארמערט די פליגן אויף די מיסטקאסטנס, און די אונאנגענעמע ריחות האבן זיך מער פארשפרייט, ווען מ'איז פארבייגעגאנגען פון איין הויף אין אנדערן דורך די עפענונגען אין די ווענט, וועלכע האבן זיך געגרעניצט מיט די הויפן. געבליבן זיינען דאן 750 נפשות און געוווינט אין 1 בלאק. וואס האט ארומגענומען עטלעכע געסלעך: א שטיקל פיעקארסקע, א טייל האנדלאווע, ווסכאדניע און 2 הייזער אויף יעראזאלימסקע. ארום אז ארום האט דאס געבילדעט 1 קאסטן. באוועגן האט מען זיך נאר געקענט פון אינעווועניק. נאך דער ארבעט, ארום 6 אזייגער נאכמיטאג, פלעגן זיך די מענטשן צונויפקומען אויף די הויפן. ארומריידנדיק פארשיידענע קלייניקייטן אדער זוכן עפעס צו קויפן איינער ביים אנדערן. אנדערש האט אבער אויסגעזען אין די לעצטע טעג פון חודש מאי. שוין עטלעכע טעג ווי קיינער גייט צו דער ארבעט ניט ארויס. אן אנזאג, אז עס טרעט ווידער אריין אן ענדערונג אין דעם חושך'דיקן בידנעם דא זיין. אין דער לופט פילט מען שוין, אז עפעס גרייט זיך. שטייען קופקעלעך מענטשן און שמועסן, דעבאטירן און דעבאטירן, וואס מען וועט דא טאן מיט די רעשט געבליבענע, הגם קיינער שרעקט זיך ניט פאר דעם, וואס דארף געשען. ווייל סייווי איז מען רעזיגנירט. אז געבליבן איז מען אליין אן נאענטסטע אן פאמיליע, טא וואס איז שוין דער חילוק?... און אזוי שטייענדיק צווישן געזעמל קומט אן ארבעטער פון מארגאליס ווארשטאט און ערקלערט, אז ס'איז נאר וואס געווען ביי זיי איינער פון די „שופאווצעס" און איבערגעגעבן דעם סוד אז מיר ווערן געשיקט קיין בליזשין ארבעטן. נאר, אז דאס איז עס אויף געוויס, האט מען נאך געצווייפלט.

באלד האט מען זיך דערמאנט אן דעם וויזיט פון דער „געסטאפא" מיט א צייט צוריק, וועלכע איז געווען אין דער באגלייטונג פון 2 יידישע „פארשטייער", א געוויסן ווינאגראדזקי און טיגער, וועלכע האבן באזוכט די פירמע „דיטש", ווו עס ווערן אויסגעארבעט הויז־פאנטאפל פארן מיליטער און דעם וויטערדיקן שמועס מיטן פרעזעס גראנאט האבן זיי דערקלערט, אז מען וועט די ארבעטער צוזאמען מיט דער פאבריקס־איינריכטונג איבערפעקלען קיין בליזשין, ווו עס איז שוין פאראן א היפשע צאל ארבעטער און די פאבריק ווערט פארגרעסערט. און ווען מען האט אים געפרעגט, און וואס וועט זיין מיט די קינדער? האט ווינאגראדזקי אזא קוק געטאן אויף דעם פרעגנדן, אז א קעלט איז דורך איבער די אברים, ווי ער וואלט זאגן „מען רעדט דאך וועגן ארבעטער". אויך האט מען זיך דערמאנט אן עטלעכע און צוואנציג ארבעטער, וועלכע זיינען אוועקגעשיקט געווארן דארט אהין, אום אויפצושטעלן באראקן, האט מען געזען א צוזאמענהאנג א סמיכות הפרשה צו דער איצטיקער השערה.

פרייטיק 30 מאי.

נאכן געשמאקן מיטאג אין דער שוץ־פאליציי איז דער געוועזענער טישלער־מייסטער און איצטיקער שופא מייסטער פיכלער געקומען אויף פאלנע אין ביורא פון דער זאמל־שטעלע (ווו עס איז צונויפגעזאמלט געווארן דאס יידישע האב און גוטס און עס פערטיילט צווישן די ארטיקע פאלקס און רייכס דייטשן) געלאזט רופן צו זיך דעם קאמענדאנט פון „אָדע" יוזשעק גאלדבערג און זיין פארטרעטער מולעק מילשטיין, זיי זיינען דאס געווען איצט זיינע בעסטע בעלי־יועצים. דער ערשטער האט נאך אנגעהויבן זיין קאריערע נאך פאר דער גרויסער אויסזידלונג.

איצט האט ער זיי ביידע גערופן און ערקלערט: „שבת פארט איר קיין בליזשין. עס בלייבן 36 פערזאן". אויף זייער פראגע צו וואס פאר א צוועק עס בלייבן די מענטשן, האט ער זיי אפגעמאסטן מיט זיינע דעדעקטיוו־דורכדרינגנדע אויגן, ווי זיי וואלטן זאגן: דאס איז ניט אייער באבעס דאגה. און אויב איך האב אייך ביז איצט טאלערירט און מיט א רמז צו וויסן געגעבן וועגן דעם אדער יענער זאך וואס דארף געשען, איז עס געווען דערפאר, ווייל איך האב אייך געדארפט צו מיינע צוועקן, אבער איצט דארף איך אייך אויף כפרות... דעם געהיימניספולן בליק האט מען אויך געקענט אויסטייטשן, אז די וועלכע דארפן בלייבן, ווארט דער זעלבער סוף וואס די 21 פון דער „פורים־אקציע". ווען ער האט צוגעגעבן, אז צווישן די געבליבענע, דארפן זיין די „פארברעכער" וואס מ'האט געפונען אין בונקער אויף פיעקארסקע און עלטערע עטלעכע קראנקע, קליינע קינדער, אן איז קלאר געווארן. אז דאס איז דער קאנטינגענט, וועלכער וועט געפירט ווערן אויפן בית־עולם און מיט געשיסעריי פון מאשין־געווער פארענדיקן דעם לעצטן אקארד און מאכן די שטאדט טאמאשאוו יידן־ריין. א גאנצע נאכט איז מען געזעסן אין דער פאליציי־שטוב און אדורכגעזיפט די ליסטע, ביי וועלכע עס האט אויך צוגעהאלפן מולעקס שוועער דוד רעדליך, וואס האט מיט ספעציעלע „ארגומענטן"... באאיינפלוסט ביים טוישן די געבליבענע.

שבת. ד. 31 מאי. שוין פון סאמע באגינען האט זיך אנגעהויבן א באוועגונג אין געטא. מענטשן מיט רוקזעק און מיט וואליזעס האבן געאיילט צום פלאץ. מאמעס האבן ארויסגעריסן קינדער פון זייער טיפן שלאף, אנגעטאן זיי אויף גיך, באנעצנדיק זייערע קליידלעך און קעפלעך מיט מאמעשע טרערן, ווי זיי וואלטן אינסטינקטיוו געפילט, אז מיטן פארלאזן דאס ארט איז ווער ווייס וואס עס וועט געשען מיט זיי. מען איז געלאפן צו קרובים, צו באקאנטע, צו גוטע פריינט, אום זיך צו האלטן צוזאמען. געהאלפן איינער דעם אנדערן איינפאקן, געעצה'ט וואס צו טאן מיט די לעצטע פאר גראשן, מורא האבנדיק פאר א רעוויזיע.

באלד האט זיך דערהערט א פייף, א סיגנאל, אז מ'דארף זיך אויסשטעלן אויפן אפעל־פלאץ, וואס האט זיך געצויגן פון פיעקארסקע ביז האנדלאווע. אויסגעשטעלט זיך לויט פלאצוווקעס, ווי לייסטן פאבריק, שאפ, זאמל־שטעלע א.א.וו. צו 5 אין א ריי. פיכלער איז באמת צופרידן געווען פון די „אָדע" וואס האבן מוסטערהאפט צוגעגרייט און געהאלפן, אז די „אבפערטיגונג" זאל פארלויפן „רואיק און פלאנמעסיק".

מולעק האט פון א ליסטע אויסגעליינעט די נעמען פון די, וועלכע דארפן בלייבן דערביי צוגעגעבן. אז די אויסגערופענע פערזאנען זאלן זיך שטעלן באזונדער. קיינער האט זיך ניט געאיילט ארויסצוגיין, ווייל פאר אלעמען איז שוין

שמואל מעלדונג

אין קאָנצענטראַציע לאַגער

אין בירקענאַו איז דער הימל רויט,
אין בירקענאַו הערשט דער מלאך פון טויט
און דער ריח פון מענטשלעכע העקאַטאמבעס
שטיקט איבעראל!

ער מאַנט, ער וועקט
ער לאזט נית פארגעסן
אין ברודער, אין שוועסטער
אין טאטן, אין מאמען
אין אלע וואס זיינען פארפייניקט
פארשווונדן אין פלאמען! —

א חלום א וויסטער,
עס גלויבט זיך דיר קוים
דו פילסט אבער באלד —
עס איז נישט קיין טרוים!
אלץ וואס קומט אין לאגער
אריין דורך די טויערן,
פארשווינדן דורך די קוימענס
פון די גרויזאמע מויערן.
און דו ביזט צו אלעמען גרייט
עס טוט דיר נאר באנק —

פאר וואס נישט שוין?!
ווער ווייס ווי לאנג
עס וועט דויערן די גסיסה,
וועט לאנגען דער פיין
פון צוזען דאס אלץ
און פארשאלטן אליין,
אין הונגער און נויט,
ווארטן אויף דעם מלאך המות,
האפן אויפן טויט! —

* *
*

ג ל ו ת ג ר מ נ י ה . . .

טרויעריק און איינזאם וועבט זיך מיין ליד,
און עלנט קלינגט יעדעס ווארט.
גרויס, שיין און ליב איז די וועלט,
נאר פאר אונדז נישטא איז קיין ארט! —

אין געטא, קאצעט אין פינצטערן טונעל,
די האפנונג אלץ נישט אויפגעגעבן,
טאמער געשען וועט דאך א נס
און בלייבן וועלן מיר ביים לעבן???!

פון הונגער און נויט דרייט זיך דער קאפּ,
דער קערפּער אין דרייען געבויגן,
„מוזעלמענער", סקעלעטן, בלויז הויט און ביין—
דער טויט שטייט שוין פאר די אויגן! —

ווי פערד בלינדע הינטער דער ערד,
מיט שטעקנס צו דער ארבעט געטריבן,
אָן ברויט, אָן ליכט, אָן פרייהייט, אָן זון!
די האפנונג איז אלץ געבליבן! —

נאך אלץ געחלומט, געטרוימט אין דער שטיל,
פון פרייהייט, פון זון און פון פעלד,
אַ סוף צו די צרות וועט קומען אמאל —
אַ פרייע זיין וועט נאך די וועלט! —

אַ נס איז געשען מיר האבן איבערגעלעבט,
אין לאגער דאך זיצן מיר נאך פארט,
גרויס, שיין און ליב איז די וועלט —
נאר פאר אונדז נישטא איז קיין אָרט! —

קלאר געווען, אז די וועלכע בלייבן וועלן דערשאסן ווערן אויפן פלאץ אדער אויף קאלעיאווע־גאס (בית עולם).

אויפן באפעל פון מולעקן, האט דער „אדע"־מאן רייזבוים, די מענטשן אויסגעזוכט, שטעלנדיק זיי ביי דער לינקער זייט פון טויער. פיכלער איז זיך רואיק געשטאנען זייענדיק צופרידן פון זיינע „צוהעלפער". אויך די מאסע איז געווען טיילווייז צופרידן, יעדער באזונדער, וואס ער געפינט זיך נית צווישן די וואס דארפן בלייבן...

באלד האט די מאסע פון 714 מענטשן גענומען שפאנען דורכן געטא־טויער איבערלאזנדיק הינטער זיך די זעקס און דרייסיק פערזאן. די איבערגעבליבענע האבן גערופן: „ווו לאזט איר אונדז איבער? — א געשריי וואס האט ווי מיט א מעסער זיך אריינגעשניטן אין חלל, א געשריי, וואס איז דערגאנגען עד רקיע השמימה. עס איז געווען א געשריי פון די טיפסטע טיפענישן פון א מאמעס הארץ, וואס האט געמאכט פארגליווערן ס׳בלוט אין די אדערן.

פיכלער האט מיט א ספעציעלער גענימקייט און מיט זיין סאדיסטישן שמייכל, געפירט די געבליבענע. באגלייט און ארומגערינגלט פון דער „שופא" זיינען זיי אריינגעטריבן געווארן אין הויז פון דער זאמל־שטעלע אויף יעראזאלימסקע, פארמאכנדיק דאס טירל הינטער זיי. דער רעוויר־אבער פון דער „שופא" — האנס אָלטש פון איין זייט און שופאוויעץ וואלקאוויאק פון דער אנדערע זייט, מיט העלמען אויף די קעפּ מיט מאשין־געווער אין די הענט האבן געהיט דעם ארויסגאנג. וואס האט אויך עדות געזאגט, אז באלד וועט מען די געבליבענע באגלייטן אויף דער באן גאס, ווו ס׳געפינט זיך דער בית־עולם און ס׳וועט פארענדיקט ווערן ס׳קאפּיטל פון די לעצטע מאָהיקאנער אין טאמאשאוו־מאז.

די גאנצע שטרענגקייט ביים היטן די 36 מאַן איז געווען אבער נאר די אלטע מעטאדע פון די דייטשן פון שרעקן די יידן. אין דער אמת׳ן זיינען זיי געבליבן נאר אויף אפּצוראמען דאס שוין אפּגעליידיקטע געטא. אין דעם 5־טן סעפּטעמבער 1943, זיינען זיי איבערגעשיקט געווארן קיין סטאַראַכאָוויץ ביי ראדאם.

---

*) דעם 5־טן יאנואר 1943, איז דער יידן־ראט אויפגעפאדערט געווארן צוצושטעלן א רשימה פון די וועלכע ווילן פארן קיין פאלעסטינע. 200 מאן זיינען דאן אוועקגעשיקט געווארן קיין אוישוויץ און פון דארט קיין טרעבלינקע.

**) פורים 1943 זיינען ארויסגענומען געווארן די רעשט איבערגעבליבענע אינטעליגענץ, דאקטוירים, אדוואקאטן א. א. אין צאל פון 21 פערזאן. צווישן אנדערע ד"ר מארדקאוויטש און פאמיליע

***) אין מערץ 1943, זיינען צונויפגערופן געווארן די רעשט געבליבענע יידן ווו ס׳איז זיי דערקלערט געווארן, אז ס׳מוז אפּגעגעבן ווערן ס׳גאנצע געלט, ווערט־זאכן א.א.וו. אופן ארט זיינען דערשאסן געווארן 4 יידן. דער עולם האט עס באצייכנט מיטן אויסדרוק „סטוק" א שפּיל אין קארטן.

מיכאל גראָסמאַן.

זאב גאַרפינקעל

טאָמאַשאָוו־מאַז. נאָכן קריג

באַלד נאך דער באפרייאונג פון קאצעט־לאגער „דאכאו — לאנדסבערג" האב איך באשלאסן ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, צו באזוכן מיין געבורטס־שטאט טאָמאַשאָוו־מאַז.

אין אנפאנג איז דאס געווען א אנמעגלעכע זאך, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס—איז נאך ניט געווען קיין שום פארבינדונג, צוליב די גרויסע צאל געשפרענגטע באן־בריקן; צווייטנס — בין איך זעלבסט נאך ניט געווען בכוח אדורכצומאכן אַ ווייטע נסיעה ניט האבנדיק זיך פריער אביסל ערהאלט און קומען צו די כוחות. יעדנפאלס האב איך מיין באשלוס ניט אויפגעגעבן.

נאך א 3 מאנאטנדיקע ערהאלונג, בין איך געווען אימשטאנד מיין באשלוס אויסצופירן. מיינע דאקומענטן: אויסלאנד־פאס און וויזע זיינען באשטאנען פון א פינפציפערדיקן טאטואירטן קאצעט־נומער אויף דער לינקער האנט.

גראד האט זיך אזוי געפירט, אז מיר איז אויסגעקומען צו פארן קיין פוילן אין חודש אלול דוקא דאמאלס ווען מען פלעגט אין די אמאליקע צייטן פארן אויף קבר־אבות.

וואס אנבעלאנגט די רייזע—איז זי געווען א קאמפליצירטע, ווייל מען האט געמוזט מער גיין צו פוס, ווי פארן. אלץ האט נאך געאטעמט מיט די נאר וואס פארשוואונדענע מלחמה־לופט.

אָנקומענדיק אין דעם ערשטן פוילישן גרעניץ־שטעטל האט מיך באהערשט א געפיל פון האפנונג און מורא. האָפנונג — אפשר וועל איך אימיצן אפזוכן?. מורא — פאר דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, וועלכע וועט זיך באשטעטיקן. איך האב וואס שנעלער געוואלט דערגרייכן מיין געבורטס־שטאט. יעדער טאג האט זיך אויסגעוויזן ווי אַ אייביגקייט.

נאך א 8 טאגיקע רייזע בין איך מיטאגס־צייט אנגעקומען קיין קאָלושקי, 28 קלמ. פון טאָמאַשאָוו־מאַז. די עטלעכע שעה ווארטן אויף א פארבינדונג האט מיך אריינגעבראכט אין א נערוועזער שטימונג. ענדלעך שטייג איך איין אין צוג קאָלושקי—טאָמאַשאָוו. ווען דער צוג לויפט פארביי סלאָטווין, הויבט מיין מוח אָן ארבעטן. ווי אין א פילם לויפן פארביי בילדער פון יענע טעג... ווען הונדערטער יידישע יונגעלייט האבן דאָ אין סלאָטווין — אוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס, ביים בויען א צוגאבּרעלס—סלאָטווין־טאָמאַשאָוו. פאלנדיק פון די קלעפּ, פון די פוילישע פארארבייטער און דייטשע אויפזייער.

אָט, ענטפלעקט זיך פאר דיר — א צווייטע סעריע בילדער — בילדער, וועלכע האבן זיך אפגעשפילט אויף די זעלבע באן־רעלסן טאָמאַשאָוו־טרעבלינקע. דאס הארץ הויבט אן האסטיקער קלאפן, די לופט ווערט א שווערע דערמאנענדיק זיך די, וועלכע זיינען געווען געפאקט צו 120 מאן אין א לאסט־וואגאָן. איך הער דאס געוויין פון קליינע קינדער; דאס קרעכצן פון קראנקע און אלטע — וואַסער! וואַסער!... די רעדער פון לויפנדן צוג קלאפן צום טאַקט: וואַסער!, וו־אַ־ס־ע־ר!, וו—אַ—ס—ע—ר!...

דער ברידער־קבר פון די הרוגים ביי דער „אויסזידלונג", ווו ס'ליגן 200 קדושים.

ווי פון חלום, האט מיך אויפגעוועקט דאס אויסגעשריי פון קאָנדוקטאָר: טאָמאַשאָוו־מאַז.! אויסשטייגן!.

מיט שנעלע טריט פארלאז איך דעם באן־וואגאן, פארהאלטנדיק זיך אויפן פעראן כדי צו קענען בעטראכטן די ענדערונגען וועלכע זיינען פארגעקומען אין משך פון דער צייט. כמעט אלץ ווי געווען. אָן שום ענדערונגען ביי זיי,— אבער ביי אונדז — האט זיך פול, זייער פול געענדערט...

פארנדיק פון דער באן אין שטאט אריין, פארפיר איך א געשפרעך מיטן „דאָראָזשקאַ.ש". ערשטנס בין איך נייגעריק צו וויסן. וויפל יידן זיינען דא און ווו זיי וווינען? — האַ, וועגן די „זשיטקעס"? ס'זיינען דא אביסל; די צאל ווייסט ער ניט. ווו זיי וווינען — דאס ווייסט ער שוין גאנץ גענוי: אויף אנטאָניעגאָ 12, און קאַליסקאַ 16. ער פרעגט מיך, ווו ער זאל פארפארן?. איך ווייס ניט וואס צו ענטפערן ער העלפט מיר ארויס. מיר וועלן פארפארן אויף אנטאניעגא; דארט איז פאראן אייער „זשידאָווסקי קאָמיטעט". — איך בין מסכים. (דאס דאזיקע „פארגעניגן" צוזאמען מיט די אינפארמאציעס האט מיך געקאסט א 100 זלאט, — פאר א געוועזענעם קאצעטלער א צו גרויסער לוקסוס).

אנשטאט צו גיין אין קאמיטעט בין איך אריין אין זעלבן הויף צו דער פאמיליע י. טענענבוים. איך מוז מודה זיין אז דער אויסוואל איז געווען א גוטער. ס'פעלן מיר ווערטער, כדי צו באשרייבן דעם צוזאמענטרעף־מאמענט, בעקומענדיק גלייכצייטיק א גרוס פון מיינס א ברודער וועלכן איך האב ארומגעזוכט.

דעם זעלבן אוונט, זיינען צו מיר געקומען פארשיידענע מענטשן נאכפרעגן וועגן זייערע נאענטסטע, מיט וועלכע איך בין געווען צוזאמען אין די לאגערן. ליידער — האב איך געהאט מער טרויעריקע ווי פריילעכע ידיעות. ניט אלע האט מען געקאנט דערציילן דעם אמת; מען האט געמוזט לייקענען און טרייסטן, אפשר — וועלן זיי זיך אפרופן?...

צומארגנס פרי, איז מיין ערשטער באזוך אויפן בית־עולם. איך גיי מיט דעם זעלבן וועג, ווו מען האט געפירט צום לעצטן מאל, אונדזערע עלטערן, פרויען און קינדער.

דער בית־עולם שטעלט מיט זיך פאר א חורבה. די מערסטע טייל מצבות זיינען גענצלעך פארשוואונדן (די דייטשן האבן מיט זיי אויסגעלעגט די וועגן); פון די טייערע ווערטפולע מארמ־

שטיינער קיין זכר. עס וואלגערן זיך ארום א גרויסע צאל צעבראכענע מצבות עס איז שווער פעסטצושטעלן די נעמען. איך דערנעטער זיך צו די מאסן־קברים פון יענע טעג... די ערטער זיינען מיר גוט באקאנט. אויף דער רעכטער זייט ביים טויער, געפונט זיך דאס מאסן־קבר פון דער „אויסזידלונגס־אקציע" (זע בילד 1). ווי זאַ ווי דאס מאסן־קבר פון דער „פורים־אקציע" (זע בילד 2).

נאכן אפגעבן כבוד די אלע קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די בעסטיאלישע נאצי־רוצחים, האב איך שטיקנדיק זיך אין טרערן פארלאזט דעם בית־עולם. פארבייגייענדיק דאס ארט, ווו ס'איז אמאל געשטאנען דאס בית־המדרש פון איבער די בריק, ווארפט זיך אין די אויגן א בערגעל אפפאל, וועלכעס שאפט זיך נאך א שריפה. דעם זעלבן טאג האב איך באזוכט די ערטער. ווו ס'איז געשטאנען די שוהל און בית־המדרש. פון אלעם איז געבליבן בערגלעך אש.

זייענדיק אין די גאסן, ווו ס'איז געווען די געטא, בין איך אריינגעגאנגען אין עטלעכע הייזער. וועלכע זיינען גענצלעך דעמאלירט: די טירן, פענצטער דילן. אלץ ארויסגעריסן. אין מאנכע שטובן קאן מען נאך אנטרעפן בלעטלעך פון צעריסענע ספרים און סדורים.

פון די עטלעכע צענדליקער יידן וועלכע האבן זיך צוריקגעקערט פון די לאגערן און פון רוסלאנד, האט קיין איינער פון זיי פארנומען א וווינונג — דארט, ווו ס'איז געווען די געטא — און אפשר מיט רעכט. — ווייל יעדער שטוב איז פאר אונדז לעבענגעבליבענע, ווי א קבר פון אונדזערע נאענטסטע.

כמעט אלע האבן זיך קאנצענטרירט צוזאמען אין צוויי גאסן: אנטאניעגא 12 (שעפס הויז) און קאליסקא 16 (ראזענבערגס הויז).

צומארגנס האב איך געמאכט א באזוך אין יידישן קאמיטעט, כדי צו קאנטראלירן די ערשטע רשימות פון די לעבנגעבליבענע טאמאשאווער יידן אדורכוואָרפנדיק עטלעכע מאל די פארשיידענע בריוו פון מעבר־לים און פון די לאגערן אין דייטשלאנד. כמעט אלע בריוו האבן געהאט דעם זעלבן אינהאלט: „צו ווייסט איר, וועגן גורל פון מיינע קרובים?", „שרייבט וואס איז געשען מיט — — — — — ?" א.ז.וו.

וויילנדיק אין טאמאשאוו א געוויסע צייט. האב איך געהאט די מעגלעכקייט, — צו אבסערווירן דאס דארטיקע יידישע לעבן.

אין דער שטאט אין וועלכער ס'האט אמאל פולסירט אזא רייך יידיש לעבן, אין דער שטאט, ווו דער גאנצער מזחר כמעט איז געלעגן אין יידישע הענט, אין דער שטאט. ווו דער גרעסטער טייל הויז־באזיצער זיינען געווען יידן. — די שטאט איז היינט אריעריזירט; קיין איינציקעס יידיש געשעפט; קיין יידישע אונטערנעמונג; אלץ האבן „זיי" גערירשנט. אויב עס קערט זיך צוריק א ייד, וועמענס געשעפט איז על פי נס געבליבן נישט באשעדיקט, ווערט אים דאס נישט צוריקגעקערט, נאר ערקלערט אלס שטאטס־אייגנטום.

ווי עס זאל נישט זיין—קיין צוקונפט פאר די יידן אין פוילן איז נישט פאראויסצוזען און דערפאר האב איך באשלאסן זיך אומצוקערן דארט, פון וואנען איך בין געקומען.

אין אלגעמיין, שטעלט מיט זיך פאר טאמאשאוו, ווי אן אפגעשטארבענע שטאט. עס קורסירט דארט א וויץ, אז צוליב דעם וואס אין צענטרום־שטאט (מיטן מארק) איז אוועקגעשטעלט געווארן א „צמענטאַזש" פון קריגס־געפאלענע, איז די שטאט פארוואנדלט געווארן אין א בית־עולם, און אפשר איז דאס א אמת?...

טאָמאַשאָוו־מאַז., אויגיסט 1945.

זאב גאַרפינקעל.

—0—



דער קבר פון די הרוגים ביי דער „פורים־אַקציע", ווו ס'ליגן 21 קדושים.

שמואל מעלדונג

אויף די חורבות פון דער אַלטער היים...

נישטא מער קיין הייב, נישטא מער קיין שטוב!
נאך פריש איז דער קבר—פון די קדושים דער גרוב.
די שטאדט א בית עלמין, מיר לעבעדיקע מתים.
מיר רייסן קברים, מיר פאסטן תעניתים! —
די גאסן. די הייזער. די טרוטוארן. יעדן שטיין,
דערמאנט אין א מאל. דערוועקט א געוויין! —
קיין ברודער, קיין שוועסטער. קיין טאטן. קיין מאמען,
אלץ איז פארפייניקט פארשוואונדן אין פלאמען.
קיין פריינט, קיין חבר, קיין ווייב, קיין קינד —
נישטא מער. פארשוואונדן, אוועק מיט דעם ווינד! —
פון דער היים נישט געבליבן קיין טיר. קיין פענסטער,

מיר דרייען זיך אויף די חורבות ארום ווי געשפענסטער
דער בית עלמין געשענדעט, די שולן פארברענט,
עס שרעקן די קוימענס און די איינגעפאלענע ווענט! —
דאס פארמעגן אוועקגערויבט, אין געטאס פארשלאסן,
די בעסטע פארפייניקט, דערמארדעט, דערשאסן.
אלץ וואס טייער — פארשטויסן, פארטריבן,
דרייצן טויזענט געווען, א הייפעלע געבליבן.
אין גאז־קאמערן און קרעמאטאריעס, פון הונגער, נויט
האבן אונדזערע ליבסטע, געפונען דעם טויט! —
זוכט נישט קיין טאטן, זוכט נישט קיין מאמען,
אלע אונדזערע ליבע געפונען זיך צוזאמען.

במעלות קדושים וטהורים
כזהר הרקיע מזהירים! —

טעטיקייטס־באריכט

דער טאמאשאווער לאנדסלייט־פארבאנד אין דייטשלאנד איז געגרינדעט געווארן אין אויגוסט 1946 — אדאנק דער איניציאטיוו פון עטלעכע טאמאשאווער לאנדסלייט, וועלכע געפינען זיך אין לאנדסבערג.

די איניציאטיוו—גרופע האט גערופן די ערשטע פארזאמלונג פון אלע טאמאשאווער, וועלכע וווינען אין לאנדסבערג.

עס האבן זיך פארזאמלטביז 30 טאמאשאווער פון לאנדסבערג און ח' משה ווייסבערג, האט רעפערירט די צילן און אויפגאבן פון דער פארזאם.

אלס הויפט ציל איז ארויסגערוקט געווארן: ניט פארגעסן די טראגיש־אומגעקומענע פאמיליעס פון אונדזער שטאט און איינארדנען א טרויער־אקאדעמיע געווידמעט דעם 4־טן יארטאג פון אומקום פון אונדזערע קדושים. די אקאדעמיע זאל פארקומען אין לאנדסבערג, ווייל דא איז די גרעסטע צאל טאמאשאווער און דא איז דער פאסיקסטער ארט.

עס איז אויסגעוויילט געווארן א צייטווייליקער קאמיטעט אין פאלגענדן צוזאמענשטעל: פארזיצענדער: מ. ווייסבערג, קאמיטעט־מיטגלידער: י. קירשבוים, אל. גארפינקעל, מ. זילבערבערג און ד. זינגער. דער קאמיטעט איז ענערגיש צוגעטראטן צו ארגאניזירן די טרויער־אקאדעמיע, וועלכע איז פארגעקומען דעם 17 נאוועמבער 1946. אויף דער אקאדעמיע זיינען געווען אנוועזנד ביז 200 לאנדסלייט פון אלע עקן דייטשלאנד.

אדאנק דער איבערגעגעבענער ארבעט פון דעם צייטווייליקן קאמיטעט האט זיך די אקאדעמיע מיט די הזכרה אויפן בית־עולם ביי לאנדסבערג זייער איינגעגעבן און אלע פארזאמלטע, האבן אויסגעדריקט זייער דאנקבארקייט און צופרידנהייט.

באלד נאך דער אקאדעמיע, האט דער ח' מ. ווייסבערג ארויסגערוקט צוויי פארשלאגן: 1) באשליסן צו בויען אין ארץ־ישראל א דענקמאל פאר אונדזערע 15 טויזנט געפאלענע קדושים. 2) אויפלייזן דעם צייטווייליקן קאמיטעט און אויסקלייבן א סטאבילן קאמיטעט. ביידע פארשלאגן ווערן איינשטימיק אנגענומען.

אין קאמיטעט פון טאמאשאווער פארבאנד זיינען אויסגעוויילט געווארן פאלגענדע לאנדסלייט: 1) דר. מילשטיין (באמבערג), מ. ווייסבערג און א. גארפינקעל (לאנדסבערג), מ. רייזבוים און ג. פיאטרקאווסקי (פעלדאפינג), אסקאר פישמאן (אויגסבורג) און ס. מארקאוויטש (הײדענהיים).

די טעטיקייט פון דעם קאמיטעט ווערט אבער שטארק באשווערט צוליב דעם, וואס די דערמאנטע מענטשן וווינען אין פארשיידענע שטעט, ווייט איינער פון אנדערן. דער ח' מ. ווייסבערג פארשטענדיקט זיך מיט די קאמיטעטס מיטגלידער דורך דער פאסט און פערזענלעך און אלע זיינען איינשטימיק, דאס אין לאנדסבערג זאל זיך געפינען דער סעקרעטאריאט, וועלכער זאל זיין באפולמעכטיקט צו קאנצענטרירן די גאנצע טעטיקייט.

דער קאמיטעט האט אנגעהויבן צו פירן א ברייטע קארעספאנדענץ מיט אונדזערע לאנדסמאנשאפטן אין ארץ־ישראל, אמעריקע, לאנדאן און פאריז. דער הויפט ציל פון שרייבן איז געווען אויפפאדערן אלע אונדזערע לאנדסלייט צו בויען אין ארץ־ישראל א הייליקן דענקמאל פאר אונדזערע געפאלענע.

גענוי ווי מיר דא. האבן אויך אונדזערע לאנדסלייט אין ארץ־ישראל באשלאסן צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע קדושים מיטן שאפן א טעקסטיל פאבריק אין תל־אביב א. נ. „מפעל טומשוב-מז.”, מיט א גרונט-קאפיטאל פון 40.000 דאלאר, וועלכע דארפן געשאפן ווערן אין פארם פון פארקויפן אקציעס צווישן די מער פארמעגלעכע טאמאשאווער לאנדסלייט אין אמעריקע, ענגלאנד און אנדערע לענדער.

די פאבריק דארף האבן א פילפאכיקע באדייטונג:

1) טראגן דעם נאמען און זיין דער דענקמאל פון אונדזערע געפאלענע.

2) באשעפטיקן אונדזערע געראטעוועטע טאמאשאווער, וועלכע וועלן קומען נאך ארץ־ישראל.

3) מיטווירקן צו דער אנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין אונדזער אייגן לאנד, אלס רעהאביליטאציע פאר דער פארניכטונג פון אונדזערע שאפונגען אין די גלות־לענדער.

דאס איז געווען דער אינהאלט פון כמעט דער גאנצער באקומענער קארעספאנדענץ פון א"י. דאס איז געווען די סיבה, צוליב וועלכער מיר האבן זיך דא אפגעזאגט פון יעדער ארט הילף פון אונדזערע לאנדסלייט אין אמעריקע. מיר האבן זיי אויסדריקליך געשריבן, אז זיי זאלן די גאנצע הילף, וועלכע זיי דארפן אונדז שיקן אין די לאגערן אין דייטשלאנד, איבערשיקן נאך א"י צו בויען דעם הייליקן מאנומענט.

14. 6. 47 איז גערופן געווארן נאך לאנדסבערג אַ צוזאמענטרעף פון טאמאשאווער. אויף דער פארזאמלונג זיינען אנוועזנד געווען אלע טאמאשאווער פון לאנדסבערג, ווי אויך אלע קאמיטעטס מיטגלידער און צו 2 — 1 פערזאן פון יעדער שטאט, וווּ עס געפינט זיך אַ געוויסע צאל טאמאשאווער.

נאכן אדורכלייענען די דערהאלטענע קארעספאנדענץ איז אפגעגעבן געווארן א באריכט פון פארזיצענדער מ. ווייסבערג. אלע אנוועזנדע האבן אקצעפטירט די ביז איצטיקע טעטיקייט פון לאנדסבערגער סעקרעטאריאט און באשלאסן אויף להבא צו פארגרעסערן די צאל קאמיטעט־מיגלידער, מיטן צוקאָאפטירן די געוועזענע מיטגלידער פון צייטווייליקן קאמיטעט אין לאנדסבערג.

גלייכצייטיק איז באשלאסן געווארן, אז אין יעדער שטאט, וווּ עס געפינען זיך טאמאשאווער, מוז זיין א פארשטייער מיט וועלכן מיר זאלן קענען זיין אין פארבינדונג.

אלע פארזאמלטע פארשפרעכן מיטצווירקן מיט אלע מיטלען אויפצובויען דאס הייליקע דענקמאל אין ארץ־ישראל.

עס איז אויך באשלאסן געווארן צו שאפן הילף פאר אונדזערע קראנקע און נויטבאדערפטיקטע, מיט אייגענע מיטלען. צו דעם צוועק איז באשלאסן געווארן, דאס יעדער טאמאשאווער דארף צאלן א מאנאטלעכן ביטראג. פון די דערמאנטע געלטער, וועלכע זיינען טיילווייז איינגעפלאסן האבן מיר געהאלפן ביז היינט צו טאג 4 קראנקע טאמאשאווער.

מיר האבן אויך פון די קליינע געלטער אויף די נויטיקסטע אויסגאבן, ווי אויך אלס פאנד איינצוארדנען די טרויער־אקאדעמיע געווידמעט דעם 5־טן יארטאג פון אונדזערע געפאלענע טאמאשאווער קדושים.

פון דעם זעלבן געלט, דעקן מיר טיילווייז די הוצאות מיט וועלכע עס איז פארבונדן אונדזער אויסגאבע: „חורבן־טאמאשאוו־מאז.”, וועלכע ערשיינט צו דער 5־טער יארצייט.

מיר האבן דערהאלטן ביז היינט, צירקא 50 בריוו, ארויסגעשיקט 60 בריוו.

אַט דאס איז די ריכטונג פון אונדזער טעטיקייט און מיט דעם וועלן מיר פארענדיקן אונדזער ארבעט און צונויפגיסן זיך מיט אונדזערע לאנדסלייט אין ארץ־ישראל אין איין גרעסערע לאנדסמאנשאפט, וועלכע וועט אונדז אין פיל הינזיכטן דערמאנען און פארטרעטן אונדזערע אמאליקע שטאט טאמאשאוו מאזאוויעצקי.

משה ווייסבערג.

Liste

fun di lebngeblibene Tomaszower welche gefinen zich in Dajczland

Nr.	Nomen un Familie	Der foter	Wen a froj fun derhejm	Gewojnt
1.	Ajchenbaum Jurek			
2.	Abramowicz			Warszawska
3.	Ajzykowicz Leon.	Fiszel		Wesola
4.	Ajzensztajn Jakob	Falek		Warszawska 7
5.	— „ — Juljus	— „ —		— „ —
6.	Amzel Majer	Mordcha		Warszaw.Szosa
7.	Aleksandrowski Leon.			Polna 3
8.	Aleksandrowska Edz.		Kohn	
9.	Ajzensztajn Rozka		Oberzanek	Piekarska
10.	Artman Estusia	Froim		Handlowa 6
11.	Aronson Fredek	Artur		Krzyzowa
12.	Amzel Sara	Binem	Elbaum	Bozniczna 19
13.	— „ — Herszel	Mordchaj.		Warszaw.Szosa
14.	Ajchenbaum		Majdowicz	
15.	Bermanska Roza	Herszl	Gerstein	Antoniego 8
16.	Bermanski Adam	Alter		Piekarska 8
17.	Belfer Szaja	Jokob		Polna 22
18.	Belzycki Josek	Pinches		Handlowa
19.	Blibaum Icek	Szapse		Jerozolimska12
20.	Basist Chaim			Krzyzowa 14
21.	Brenner Abram	Srulke		Pilsudskiego 16
22.	— „ — Eta	— „ —	Turek	
23.	Belzychi Abram	Pinches		— „ — 13
24.	Belzycka Bronia	Herszl	Lokiec	Piekarska 6
25.	Birnbaum Estera		fun man Rotberg	
26.	Biderman Jak. Dawid	Josef		Mila 31
27.	— „ — Ita	Lajbisz	Warzager	Krzyzowa 30
28.	Bentman Dawid	Ignacy		Warszawska 22
29.	— „ — Gustawa	Alexand.	Kantor	Kosciuszki 11
30.	Blibaum Lola		Rozenberg	Antoniego 14
31.	Brejtbart Chaja	Awrum	Bergbaum	Polna 10
32.	Brejman Fajwel	Henoch		Wladyslawa 12
33.	Broklajb Dora	Majer	Birenbaum	Warzaw.21/23
34.	— „ — Mojzesz			
35.	— „ — Maja	Mojzesz		
36.	Bugajewicz Jakob			Warszawska 22
37.	Dr. Blau Szymon			— „ — 7
38.	— „ — Regina			— „ — 7
39.	— „ — Jerzy			— „ — 7
40.	Brajtbart Mojsze			
41.	Bermanska Ida			
42.	Cymberg Regina	Gerszon	Twardow.	Zgorzelicka
43.	— „ — Izak	Mordka		
44.	Cygelbaum			
45.	Chmielnicki R. J.			
46.	Chryst Estusia		Zylberwas.	Polna 24
47.	Cukierman Aron	Jakob		Krzyzowa 16
48.	Cymbalist Doba	Froim	Milsztajn	Pl Kosciuski
49.	— „ — Icio			Polna
50.	Czarnobroda Genia		Drzaga	Piliczna
51.	Cukerman Andzia		Aleksand.	Polna 3
52.	— „ — Moniek	Jankiel		Krzyzowa
53.	Cymberg Rachela	Izaak		
54.	Celcer Adek			
55.	Drzazga Hersz			Wschodnia 20
56.	Drzewiecki Froim			
57.	— „ — (dziecko)	Froim		
58.	Edelman L.	Aron		Wladyslawa 12
59.	— „ — Risia	Abram	Frenkiel	Kramarska 7
60.	Erlich Henryk	Mordcha		Polna
61.	Fischman Oskar			Antoniego 7
62.	Fried Pinkus			Spalska
63.	Fajgeles Z.	Herszl		Warszawska 39
64.	Freidenreich Szymon	Didie		Wesola 23
65.	Figielska Karola		Borenstein	Handlowa
66.	Frenkiel Izrael	Motl		Kramarska 16
67.	— „ — Rachel	Kopl	Rozencwajg	Handlowa 8
68.	Fajnzylber Izaak			Warszawska
69.	Fajgeles Maks	Herszl		— „ — 39
70.	— „ — Lonia	Meir	Lisopraw.	Sw.Antoniego8
71.	Freidenreich Dina	Szymon		
72.	— „— Mirka	Lajb	Salem	Polna 13
73.	Gerenstadt Rywcia	Hersz		Sw.Antoniego8
74.	Gerstein Genek			Tkacka 6
75.	Grinbaum S.			
76.	Grynszpan Noech	Zelman		Gustowna
77.	Glowinska			
78.	Goldberg L.	Berisz		Handlowa 12
79.	— „— J.			
80.	Gold Berek			Cicha
81.	— „ — Rozka	Berek		— „ —
82.	Garfinkiel Elimelech	Mosze		Tkacka 2
83.	— „ — Frania	Lajwe	Freidenreich	Poludinowa
84.	— „ — Josef	Mosze		Tkacka 2
85.	— „ — Roza	— „ —		— „ —
86.	— „ — Pinkus	— „ —		— „ —
87.	— „ — Wolf	— „ —		— „ —
88.	— „ — Mania	Zcharj.	Buchman	Zgorzelika
89.	Grossman Uszer M.	Manuel		Pl. Kosciuszki 7
90.	— „ — Rajzla	— „ —	Pikusiewicz	Handlowa 6
91.	— „ — Izrael	Chil-Majer		Pl. Kosciuszki 7
92.	Grynszpan Jakob	Zalmen		Gustowna
93.	— „ — Hania	Henoch	Horowicz	Pilsudskiego
94.	Gerstein Tona	Herszl		Krzyzowa 1
95.	Grossman Hela	Widor	Futerhendl	Sw.Antoniego4
96.	Goldberg Jadzia	Icek	Lajzerowicz	Narutowicza 3
97.	— „ —			
98.	Hoffman Izaak			
99.	Herszbajn Lonia	Dawid	Goldstein	Jeziorna 5
100.	Hipszer A.			Kramarska
101.	Hopper-Waserman C.			Warszawska
102.	Helfgott Mindla			
103.	— „ — Josef			Polna 2
104.	Hopman Szapso			Wschodnia 22
105.	Jelen Julian	Dawid		Gustowna
106.	Jedwab Cesia		Brener	Wiecznosc
107.	Jakubowicz Pesach	Hersz-Lajb		Mala
108.	— „ — Noech	Tojwie		Wiecznosc 5
109.	— „ — Chuma			— „ —
110.	— „ — Dawid	Tojwie		— „ —
111.	Kaplan Rozka		Freundlich	Jerozolimska 4
112.	Koplowicz Natan			Warszawska 1
113.	Kirszbaum Mendel			Polna
114.	Kurc Nanek	Sroel		Handlowa 6
115.	Kronheim Sz.			Polna 22
116.	— „ — Jakob			— „ —
117.	Krause	Sroel		Tkacka 4
118.	Kirszbaum Izaak	Josef		Jeziorna 5
119.	— „ — Chana	Mosze	Wymerszp.	Projektowa 24
120.	Karmazyn Szyja	Herszl		Gustowna
121.	Kleiner Mosze			Tekla
122.	Klajnman L.			
123.	Kligermen Chana	Luzer		Wiecznosc
124.	— „ — Leon	Luzer		— „ —
125.	Korn Hanka		Lew	
126.	Königstein Majer	Mosze		Wladyslawa
127.	— „ — L.	—„—		— „ —
128.	Kleinman Hela			Wschodnia 24
129.	Korn Mosze			Piliczna
130.	Kirszenbaum Mendel			Narutowicza
131.	Kune Kajla	Henoch	Brejman	Warszawska 38
132.	Laski Abram	Elo		Wladyslawa 18
133.	Lebensbanm Szmulek	Mordcha		Sw. Antoniego
134.	Lisoprawski Jakob	Majer		— „ — 8
135.	Lisoprawska Cela	—„—		— „ — 8
136.	Lewkowicz Ajzyk	Salomon		Antoniego 14
137.	— „ — Sonia			
138.	— „ — Fela	Ajzyk		
139.	Lokiec Oskar	Herszl		Piekarska
140.	Lask		Chaml	Handlowa
141.	Lisoprawski Fajwel	Majer		Sw. Antoniego
142.	Lichenfeld Pinches L.			
143.	Mlynkiewicz Ewa	Froim	Artman	Handlowa 6
144.	— „ — Gienek			Pilsudskiego

Nr.	Nomen un Familie	Der foter	Wen a froj fun derhejm	Gewojnt
145.	Majerowicz Rachela	Aron		Pilsudskiego 2
146.	Meryn Binem	Aron		Piliczna
147.	— „ — Mirka	Szmul	Rubin	Sw. Antoniego
148.	Milsztajn Majer	Moszek		Sw. Tekli 19
149.	Dr. Milsztajn Jurek			Sw. Antoniego
150.	— „ — Roma		Waserman	Pilsudskiego
151.	Margules Maryla			
152.	— „ — Hinda	Herszl	Tenenbaum	Jerozolimska
153.	Milsztajn Mulek	Froim		Pl. Kosciuski 12
154.	— „ — Fela	Dowcze	Redlich	Wladyslawa
155.	Markowicz Srulek	Mosze		Jerozolimska
156.	— „ – Frymet	Szulim	Warzecha	Wiecznnsc 7
157.	Michlewicz Zosia	Aron		Piliczna
158.	— „ — Stefek	Aron		— „ —
159.	Manela Noech	Izral		Pl.Kosciuszki
160.	Mlynkiewicz Beniek			Pisudskiego 2
161.	— „ — Dora	Abram	Szmucyk	Kramarska
162.	— „ — Izaak			Pilsudskiego
163.	Meldung Samuel			Tkacka 8
164.	— „ — (Frau)			—„— 8
165.	Michlewicz Leon	Mordka		Wiecznosc
166.	— „ — Nysen	—„—		— „ —
167.	Milsztajn Henia	Aron		Bozniczna 5
168.	Medaljon Tola		Meryn	Pilsudskiego 36
169.	Milsztajn Bala	Froim		Pl.Kosciuszki
170.	Nachmanowicz	Belek		Pilsudskiego
171.	Niemietz Mosze	Motel		Pilsudskiego
172.	— „ — Elka	Manuel	Grossman	Pl.Kosciuszki 7
173.	Pakin Jadwiga	Froim	Artman	Handlowa 6
174.	—„— Aron	Jakob		Warszawska 17
175.	Platt Tania	Chaskiel		Pilsudskiego 16
176.	—„— Dawid	—„—		— „ —
177.	Piotrkowski Gerszon	Motl		Warszawska
178.	Rozenwajn Lolek	Kalmu		Wschodnia 22
179	Rajzbaum Mosze	Dawid		Wiecznosc 5
180.	Rozenblit Noech	Chaml		Bozniczna 15
181.	Romanowicz Abram	Mane		Wladyslawa 14
182.	Rozencwajg Dawid J.	Kopl		
183.	Rajzbaum Szyja			Warszawska
184.	Romanowicz Ch.	Herszl	Tenenbaum	Jerozolimska19
185.	Rommer Nute			Kolejowa
186.	- „ — Mania	Szulim	Warzecha	Wiecznosc 7
187.	Rapaport Sala			
188.	Rubin Mania	Lajzel		Polna 3
189.	Rajzbaum Roza	Zelman	Grynspan	Gustowna
190.	Rozencwajg Sala	Kopl		Handlowa
191.	Rozenberg Chaskiel	Szmul		Sw.Antoniego
192.	— „ — Moniek			
193.	Raszelbach Chil			
194.	Rotberg Abram	Kiwe		Polna 24
195.	Redlich Dowcze			Handlowa
196.	— „ – Sara			
197.	— „ — Moniek	Dowcze		
198.	Ryczke Morje			
199.	Rajzbaum Sala	Aron	Majerowicz	Piliczna
200.	Rozanski Izrael			
201.	Szmulewicz Josio	Joel		Szeroka
202.	— „ — R.			
203.	Szwarc Motel			Kolejowa
204.	— „ — Salomon			— „ —
205.	Szmulewicz Luzer			Szeroka
206.	— „ — Szymon			— „ —
207.	— „ — N.			— „ —
208.	Szperling J.			Bozniczna
209.	Szlezinger Ida			— „ —
210.	— „ — M.			— „ —
211.	Sawicki Moniek	Abram		Wiecznosc
212.	Szampaner Lajbusz	Naftali		Wesola

Nr.	Nomen un Familje	Der foter	Wen a froj fun derhejm	Gewojnt
213.	Szampaner Mania	Abram	Markowicz	Pl.Kosciuszki14
214.	Sztajnman Moszek	Jakob		Krzyzowa 30
215.	Szafman Regina	Elo		Handlowa 8
216.	Sawicki Jakob			Warszawska
217.	Szajewicz Wolf			Piekarska
218.	— „ — Frania		Frajdenrajch	Wschodnia
219.	Skosowski Abram	Henoch		Wiecznosc
220.	Sztajnbok Jakob	Chaim J.		— „ —
221.	— „ — Lonia		Najdorf	Handlowa
222.	— „ — Heniek			
223.	— „ — Josek			
224.	Sawicki Jakob			Polna 12
225.	Salem			— „ — 3
226.	Tenenbaum Moniek	Szymon		Warszawska 7
227.	— „ — Josef	Herszl		Pl.Kosciuski 16
228.	— „ — Chana		Warzecha	Wiecznosc 7
229.	— „ — Mirtek	Fajwel		Krzyzowa 12
230.	— „ — Mosze	Fajwel		Warszawska 62
231.	— „ — Chemia	Mordcha		Wladyslawa
232.	— „ — Berek	Abram		Stolarska 9
233.	Ulman			
234.	— „ — Jakob			Bozniczna
235.	— „ — Malka	Icic		Projektowa
236.	Wald Gucia			Warszawska
237.	Wilczynska Edzia		Frajdenr.	Wschodnia
238.	Wollard Jacob			Handlowa
239.	Weltman Lajbusz			Warszawska 22
240.	— „ — Majer	Mendl		— „ —
241.	Weksler Edward			Krzyzowa 20
242.	Wygocki			
243.	Wajs Samuel			Sw.Antoniego
244.	—„— Kuba			— „ —
245.	Wolman Rachmil	Dawid		Kramarska 14
246.	Wajsberg Mosze	Gedalie		Krzyzowa 28
247.	— „ — Roza			Wieczniosc
248.	Wajnblum Leon			Gustowna
249.	Weltman Hersz	Mendl		Pl.Narutowicza
250.	— „ — Mosze	Mendl		— „ —
251.	Wollard Hel			
252.	Warzecha Zlata	Szulim		Wiecznosc
253.	Wajskopf Salka	Machl		Sw. Antoniego
254.	Warech Awrum	Mojsze		Jerozolimska 2
255.	Wajnberg Icio	Josef		Handlowa 21
256.	— „ — Fajga			
257.	— „ — Golda			
258.	Warech Ada			
259.	— „ — Ita	Awrum		
260.	Wajgensberg Mania			
261.	Zajderman Sz.	Szmul		Wladyslawa 12
262.	— „ — J. Lajb	—„—		— „ —
263.	Zandberg Leon	Szlomo		Krzyzowa 30
264.	Zylberberg Majer	Josef		Polna 2
265.	Zyngier Abram D.	—„—		Krzyzowa 2
266.	Zwillich Symcha			
267.	— „ — Izrael			
268.	Zoltowski Aron			Jerozolimska
269.	— „ — Pinkus			— „ —
270.	— „ — Zalmen	Chaim		Bozniczna 1-3
271.	— „ —	—„—		— „ —
272.	— „ — Mosze			
273.	Zolkiewicz Henryk			Pl.Kosciuszki
274.	Zajdman Golda			
275.	— „ — Icchok	Jankiel-Lajb		
276.	— „ — Awrum-Szmil			
277.	Zameczkowsk Majer	Mendl		Jerozolimska
278.	Zamulewicz Josef			
279.	Zajdler Andzia	Szymon		Wladyslawa 7

Bamerkung: Di col Kinder iz nyt ojsgerechnt geworn. Fil Tomaszower hobn ojch nyt cugeszikt zejere nemen un wojnerter un deriber figurirn zej nyt ojf di Liste.

1.	Mogielnicki Gutman	
2.	Berlinska Brandla	Mogielnicka
3.	Kuperszmidt Zysla	Lejzerowicz
4.	Lajczner Chaja Lube	Sztubert

Dos iz di col lebngeblibene fun di 1500 Bialer jidn welche zajnen umgekumen cuzamen mit di Tomaszower jidn.

רעדאַגירט דורך א רעדאַקציע־קאָלעגיום.

„Jewish Pictures“ Authorized by OMGB Information Control Division / Printed by Landsberger Verlagsanstalt Martin Neumeyer

210714